בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
צ"ג

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

די קלייט האט 'אים' אוועקגעווארפן...
"ומקבלין דין מן דין" - אפילו דורך שווייגן!
קלייב דיר אויס דער פאסט
איך האב דאך אייך געזאגט תורה!
דעם אמת'ן אמת
"קטן וגדול שם הוא"
גיין צום ציון פאר'ן טועם זיין
...און וואס זאגסטו?
זיך באנוצן מיט 'יחוס'
די אידישע שפראך
דער גאנצער ענין פון התבודדות
'כוחו של משה' איז אבער גרעסער
"כשאדם חושב בלבו"
אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים
שרייען 'ע' קלין'
"אם לא יגיד"
אין אדם עובר עבירה...
"עכשיו"
"נשכחתי כמת מלב"
מעשה מבטחון
"ביום ההוא אבדו אשתנותיו"
'שעה' או יותר?
תיכף כשאדם רוצה...
ידום וישתוק

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ 93#

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים)
במחיר חודשי של $15 עבור
הוצאות עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

בס"ד

# ~ פרשת בלק, שנת תשל"ה ~

(טייפ מס' 88#)

## די קלייט האט 'אים' אוועקגעווארפן...

(חסרה, מדַברים אודות ההנהגה אצל אנשי שלומינו, לא להתערב וליתן עצות פרטיות לאחרים!)

ער (ר' שמואל מאיר אנשין ז"ל) איז געקומען אהערצו (מיפו לירושלים), ער איז געבליבן אינגאנצן אן פרנסה - אן פרנסה אינגאנצן, א געוואלד א געוואלד! ער איז געגאנגען מיט ספרים אין גאס - אריינגעגאנגען צו יענעם אין שטוב אריין פארקויפן ביי אים א ספר, פארשטייט זיך - ער איז געווען אן ארעמאן[א].

מען האט זיך אזוי געהיט (ביי אונזערע לייט) פון יענעם זאגן א ווארט; מען האט מורא געהאט יענער קען האבן א געוואלדיגע ירידה; אז ער וועט נישט האבן קיין פרנסה, קען ער האבן א געוואלדיגע ירידה בכלל - מען האט זיך זייער געהיט; דאס איז איינס פון די יסודות!

און די צייטן פון ר' נתן'ען איז געווען איינער, ער האט געהייסן ר' חיים לירעססמאן - ער ליגט טאקע לעבן ר' נפתלי'ן. ער איז געווען א גדול פון אונזערע לייט [איינער ר' חיים איז געווען שפעטער - זיינס אן אייניקל, דאס איז שוין געווען אין אונזערע צייטן].

---

[א] עי' תוכן הסיפור ב'טעם זקנים', קונטרס מ"ז, והרי לשונו שם: "(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט מען נישט געקענט פרעגן?) ער האט נישט געענטפערט! למשל ביי 'מאיר אנשין', אזא מין זאך, אפילו דארטן דער דרוק (שעבד בעיר יפו בבית דפוס שהיו מדפיסים בו גם ספרים פסולים, והיתה פרנסתו תלויה בזה), האט ער איהם אויך נישט געזאגט, 'ווארף אוועק', ער האט איהם נאר געזאגט, "אפשר וועסטו פועל'ן ביי איהם (בעל הדפוס) ער זאל דיר נאר געבן די און דאס (שיעסוק רק עם ספרים כשרים)! (אחד הנוכחים: אבער דערנאך האט ער געפונען א בריוו [- שר' אברהם ב"ר נחמן כתב לו שיעזוב את בית הדפוס. ואכן עזבו, ולקח עצמו למכור ספרים מבית לבית]), נאכדעם יא, געפונען א בריוול, מיט א צייט שפעטער דארטן; איז אויך דאס אייגענע, ער האט שוין געקענט גוט ר' מאיר'ן, ער האט שוין געוואוסט ווער ר' מאיר איז, ער האט שוין געוואוסט אז ר' מאיר וויל באמת נישט, און מאיר וועט נישט קיין חרטה האבן, און מאיר וועט נישט האבן קיין חלישות הדעת דערפון, האט ער איהם שוין געזאגט אזוי! ער האט זיך זייער געהיטן!". עי' בספר "תולדות שמואל" - ימי חייו של הרב החסיד רבי שמואל העשיל פרידמאן ז"ל מאנ"ש - בהג"ה על יום ערב שב"ק פרשת עקב שנת תרע"ב, עיי"ש

הכלל, ער איז געווען פון די גדולים פון אונזערע לייט, און ער איז געווען איינגעשטעלט אין א גרויסע קלייט - א געשעפט, ער איז געווען דארטן א מין מזכיר (-סעקרעטאר) - און נאך מער ווי א מזכיר - די גאנצע קלייט האט ער געפירט.

עס איז געווען א גרויסער גביר "זיידמאן" - אן ערליכער איד געווען דער אלטער זיידמאן - א בעל צדקה, און ער איז געווען דער בעל-הבית פון דער קלייט. ער האט גארנישט געקוקט, ער האט אלץ געוואוסט אז ער האט "לירעסמאן" - האט ער זיך אויף וועמען צו פארלאזן.

ער איז שוין אלט געווען פינעף און זעכציג יאר - דער לירעסמאן; און אז ר' נתן איז געקומען קיין אומאן, זאגט ער צו ר' נתן'ען: "ר' נתן איך בין נאך פארנומען מיט די קלייט - איך בין שוין אלט פינעף-און-זעכציג יאר".

- ער האט חיות אין אידישקייט, אין עבודת השם; ווייטער אין קלייט מוז ער זיין אן ערליכער איד - אפהיטן (לעסוק במו"מ באמונה), די אחריות איז אויף אים - א תורה'דיגע אחריות; דער גאנצער מוח נעמט אים עס צו. האט ער געפרעגט ר' נתן'ען - צו ער זאל אוועקווארפן די קלייט.

האט אים ר' נתן געזאגט: "ניין, ניין - ווארף נישט אוועק די קלייט; איצטער אינמיטן די נאכט - דאס הארץ ברענט דיר צום אויבערשטן; דאס הארץ איז נישטא תמיד; אז דו וועסט אוועקווארפן די קלייט - און פרנסה וועסטו נישט האבן - קענסטו האבן א גרויסע ירידה. ווארף נישט אוועק די קלייט - אז די קלייט וועט דיך אוועקווארפן - דעמאלט האסטו גארנישט געטאהן!"

וכך הוה, עס איז אוועק א שטיקל צייט און עס איז געווארן עפעס אוים קלייט - די קלייט האט אים אוועקגעווארפן... האט ער נישט געהאט אויף וואס צו חרטה האבן - ער האט גארנישט געטאן.

- ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דאס דערציילט, אויף ווי ווייט, אפילו א איד פון פינעף-און-זעכציג יאר און א גרויסער עובד השם - און ר' נתן האט געקענט ר' חיים'ען - ער האט געוואוסט ווער ער איז - וואספארא מין עבודה און וואספארא השתוקקות ער האט צום אויבערשטן - און אז ער איז שוין אלט פינעף און זעכציג יאר - דארטן זיבעציג יאר האט שוין געהייסן א איד א זקן - און ער איז שוין אלט פינעף-און-זעכציג יאר -

**איז שוין 'פרייטיג פארנאכט'...** (פון זיין לעבן!), **דאס הארץ בענקט אים צום אויבערשטן - ער וויל, ער וויל.** (ולכאורה היה צריך ר' נתן לומר לו:) **'נו, טוה אזוי און שוין' - ניין! - פארוואס? ווייל מען האט זיך גוט מיישב געווען, זיך גוט באטראכט. דער מח פון א מענטשן שטייט נישט תמיד אויף דעם מַצב אין וואס די הארץ בענקט אים אזוי צום אויבערשטן.**

(אחד הנוכחים: דא שרייבט ער אז ער האט געוואלט ווערן א מקבל![ב]) **געווענדליך** (- כמובן) **אזוי; אז ער וועט אוועקווארפן די קלייט - פון וואנעט וועט ער האבן פרנסה? דארט איז דאך נישט געווען אזוי ווי דא - ווער וועט אים תומך זיין?!**

**איך האב נאך דעם סיפור געהערט פון זיין זון ר' משה'ן. [צירל[ג] איז געווען א שנור** (זוגתו של ר' משה)**]; און ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דאס אויך דערציילט.**

(ר' משה בינעשטאק: צירל איז געווען זיין שנור?) **יא - ר' חיים לירעסמאן'ס א שנור; איר טאטע איז געווען ר' אהרן ליפאוועצקער[ד].**

❖

[ב] עי' אבניה ברזל, שו"ס ממוהרנ"ת זצ"ל, אות ב': "אֶחָד שָׁאַל לְמוֹהֲרְנַ"ת שֶׁרָצָה לִהְיוֹת מְקַבֵּל, וְרָצָה לַעֲזֹב אֶת הַחֲנוּת. וְאָמַר לוֹ מוֹהֲרְנַ"ת: עַכְשָׁו לִבְּךָ בּוֹעֵר לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאַלְסְטוּ דֶּער בַּייא (אַתָּה אוֹחֵז בָּזֶה), וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁתִּפֹּל מִזֶּה הַהִתְלַהֲבוּת וְלֹא יִהְיֶה לְךָ פַּרְנָסָה, גַּם־כֵּן אָז יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה, וְלֹא הִסְכִּים לוֹ. אֶלָּא אָמַר לוֹ עֲשֵׂה לְךָ שִׁעוּרִים קֹדֶם שֶׁתֵּלֵךְ לַחֲנוּת וְגַם בְּהַחֲנוּת בְּעַצְמָהּ תָּכִין לְךָ סְפָרִים, וּבְעֵת שֶׁלֹּא יִהְיֶה לְךָ קוֹנִים תִּלְמֹד בָּהֶם. וְתִשְׁתּוֹקֵק לָזֶה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְסַבֵּב סִבּוֹת לְטוֹבָה שֶׁתִּפָּטֵר לְגַמְרֵי וְכוּ'. וְכֵן הָיָה שֶׁהִשְׁתּוֹקֵק כָּל־כָּךְ עַל זֶה וְכוּ' כַּנַּ"ל כִּמְדֻמֶּה שֶׁהָאִישׁ הַנַּ"ל הָיָה ר' חַיִּים לִירִיסְמַן הַזָּקֵן".

[ג] עי' שיש"ק ח"ג תתקמ"ח: לפני פטירתו של רבי אברהם ב"ר נחמן בעת שכבר היה חולה מאד, נכנסה האשה מרת צירל (בת ר' אהרן ליפאוועצקער, היתה דודתו של רבי אברהם ב"ר נחמן) אל רבי אברהם וצעקה שם אודות הסוד הכמוס הנ"ל (מגילת סתרים): געוואלד, ווּעמען האט ער דאס איבערגעגעבן?!", כי שמעה מאביה שמקובל מרבינו שאחד בדור צריך לדעת מזה, ועתה כשיסתלק מהעולם לא יֵדע אף אחד מזה; ורבי אברהם היה אז כבר על ערש דוי, וכבר ניטל ממנו כוח הדיבור, (ולא נודע אם כבר מסרו, ולמי מסרו)".

[ד] נולד מברכתו של רביז"ל לאביו ר' מאיר הגביר ממעדוועדיווקע. מסתבר שעוד זכה להכיר את רביז"ל. הוא קיבל מאת ר' נפתלי את מגילת הסתרים ומסרה לפני מותו לר' אברהם ב"ר נחמן. מנו"כ בדימיטריווקע. (ע"פ גידולי הנחל)

## "ומקבלין דין מן דין" - אפילו דורך שווייגן!

מיר האבן גערעדט פריער א שמועס; אז כאטש דער רבי רעדט דאך פון "ומקבלין דין מן דין"[ה], איז נישט דער פשט - 'ומקבלין דין מן דין' - אז למשל יענער זאגט מיר אזוי, בין איך מקבל פון יענעם - ניין! נאר מען זיצטביידע, מיר רעדן אזוי, מען רעדט פון וואס מען רעדט, איז איינער מקבל פון דעם אנדערן.

בשעת מען זיצט און מען רעדט מיט אן אמת, מען וויל וויסן וואס איז די כוונה פון דעם רבי'ן, ווערט נתעורר עפעס א נקודה, איז איינער מקבל פון דעם צווייטן; ביי יעדן איינעם גיט א 'שיין' זיין נקודה - און איינער איז מקבל פון דעם צווייטן; ער ווייסט אפילו נישט וואס ער איז מקבל, אבער ער איז מקבל.

אז איינער וועט זאגן צו יענעם - 'טוה אזוי' - און ער וועט דעם זאגן 'טוה אזוי' - נישט דאס איז 'ומקבלין דין מן דין'; נאר די נקודה וואס רעדט זיך ארויס פון יענעם, דאס וואס עס רעדט זיך ארויס ממילא; אמאל - און טאקע דער עיקר, רעדט זיך עס ארויס פון 'רעדן' - און אמאל פון 'שווייגן'.

- יענער שווייגט אמאל און איך ווער נתפעל פון זיין שווייגן - בין איך מקבל א נקודה פון זיין 'שווייגן'; איך לערן זיך אפ א נקודה פון זיין שווייגן. אט די נקודה זיינע איז דאך אמת - דאס האט דער רבי געהייסן 'האבן א התחברות מיט חברים'; דערפון ווערט נתעורר - אז דער איז מקבל פון דעם, און דער איז מקבל פון דעם.

עס שטייט ביי די מלאכים: "וקרא זה אל זה"; מאכט דער תרגום: "ומקבלין דין מן דין". וואס איז ביי די מלאכים? יעדער מלאך איז אן אנדער ברען צום אויבערשטן. מען קען דען אויסמאלן די קדושה פון א מלאך? אזוי געברענט צום אויבערשטן, אזוי געפלאקערט צום אויבערשטן!

---

[ה] ליקוטי מוהר"ן ל"ד, אות ד': "יש בכל אחד מישראל, דבר יקר שהוא בחינת נקודה, מה שאין בחבירו. כמעשה דאביי ואבא אומנא (תענית כא:), שהשיבו לו לא מצית למעבד כעבדא דאבא אומנא וכו'. ובחינה הזאת שיש בו יותר מחברו, הוא משפיע ומאיר ומעורר לב חברו, וחברו צריך לקבל התעוררות ובחינה הזאת ממנו, כמו שכתוב (בתרגום "וקרא זה אל זה" (ישעי' ו)) "ומקבלין דין מן דין".

- און דער מלאך האט נאר געזעהן ווי יענער ברענט, ער האט נישט געזעהן ווי ער אליין ברענט; און יענער מלאך, ווייטער, האט געזעהן ווי 'ער' ברענט; האט דער מקבל געווען פון יענעם, און יענער פון דעם (כלומר 'בלי שידברו זה אל זה כלל').

דער מלאך האט געזעהן: אוי, אזא מין ברען ווי אזוי ער ברענט צום אויבערשטן, עפעס אזא קדושה. זאגט ער: 'ומקבלין דין מן דין' - זיי האבן מקבל געווען יעדער פון דעם אנדערן א ברען צום אויבערשטן; אבער נישט ווייל דער מלאך האט גערעדט.

דער מלאך האט נאר גערעדט צום אויבערשטן - געזאגט שירה: "קדוש קדוש קדוש" - יעדער מלאך האט געזאגט "קדוש קדוש"; און יעדער איינער האט מקבל געווען פון דעם אנדערן; ער האט נאר געזעהן ווי יענער ברענט - און יענער האט געזעהן ווייטער ווי ער ברענט - אזוי האבן זיי מקבל געווען איינער פון דעם אנדערן.

דאס איז אזא מין סארט אמת וואס דער אמת איז ממש אן 'אמת ברור' - איך זעה יענעמ'ס אמת און יענער זעהט מיינעם - אט דאס איז "מקבלין דין מן דין".

אבער אז איך מיש זיך אריין צו יענעם, אדער איך זאג יענעם א דרך - דאס איז שוין נישט קיין אמת; איך ווייס וואס יענעם צו זאגן? איך ווייס וואס צו זאגן יענעם? וויפיל מענטשן ווערן צוקלאפט, די 'נייחא דמוחין', מיט די הערצער, ווייל מען מישט זיך אריין אין יענעם, מען זאגט יענעם א דיעה אין הנהגה. (והדרך הנכונה היא:) מען איז מעורר (בכלליות) איינעם דעם צווייטן: 'דינט דעם אויבערשטן!'.

❖

## קלייב דיר אויס דער פאסט

דער רבי זאגט אין תורה מ"ט: "אִתְּתָךְ גּוּצָא גְּחַן וּלְחִישׁ". טייטש רש"י: "שמע עצתה". זאגט דער רבי: "אתתך גוצא" מיינט מען, די תפילה איז מיט קטנות; פון תפילה

גייט ארויס די עצה[ו]. די עצה דארף ארויסגיין פון תפילה; פון דארט גייען ארויס אלע עצות[ז].

"אתתך גוצא גחון ולחיש" איז דער טייטש: 'בייג זיך אן'; נעם ארויס פון דארטן די עצה; (כמו כן) כאטש איינער זאגט נישט דעם צווייטן - נאר פונדעסטוועגן, אז מען רעדט זיך צוזאמען מיט אהבה מיט א יראת השם, גייט ארויס (ממילא אן עצה), איז איינער מקבל פון דעם צווייטן - דאס איז דער אמת!

ר' נתן האט אויך נישט געגעבן קיין עצה יענעם, ער האט קיינעם נישט געגעבן קיין עצה; ער האט אפילו זיין זון נישט געגעבן קיין עצה - ער וואלט ווען געקענט זאגן צו זיין זוהן (שלא יקח את הדואר).

עס איז געווען עפעס א גראף - א פריץ, איך ווייס נישט, א גאנצע מעשה געווען. האט דער גראף געזאגט צו ר' יצחק'ן: ער קען אים געבן דריי פרנסות: אדער די פאסט; אדער א מיל; אדער א וואלד. האט ער געפרעגט ר' נתן'ען ביי וואס ער זאל זיך אויסקלייבן, האט ר' נתן געזאגט: קלייב זיך אוים בעסער דער פאסט - דארטן וועסטו קענען מער דינען דעם אויבערשטן!

- ער האט נישט געפרעגט ר' נתן'ען צו ער זאל אינגאנצן טוהן עפעס צו נישט - דאס וואלט אים ר' נתן שוין נישט געענטפערט, דאס איז שוין אן ענין פון מסירת נפש; ער האט אים נאר געפרעגט - 'אזוי ווי איך האב איצטער די דריי פרנסות - וואס זאל איך מיר בעסער אויסקלייבן?'. האט אים ר' נתן געזאגט: בעסער די פאסט.

---

[ו] וזל"ש, באות ה': "וזה פירוש (בבא מציעא נט): 'אתתך גוצא גחון ולחיש', פירש רש"י: 'שמע עצתה'. כי באמת: "אשה יראת ה'" היא בחינת עצה. כשהתפילה, היינו בחינת מלכות, בשפלות ובקטנות. בבחינת 'אתתך גוצא', בבחינת (שיר השירים ח'): "אחות לנו קטנה", בחינת (בראשית א'): "את המאור הקטן", בבחינת עצתו נופלת (סנהדרין כ"ב עין שם). צריך להקים אותה, בבחינת (עמוס ט'): "אקים את סוכת דוד". וסוכה זו שרה, שסכתה ברוח הקדש (מגלה י"ד), ושרה זה מלכות. בבחינת (משלי י"ט): "עצת ה' היא תקום", בבחינת (בראשית א'): "שני המאורות הגדולים". וזה: 'ולחיש לה', תקבל עצתה. וזה עליות התפילה שהיא בלחש. שהיא עבודה שבלב".

[ז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א: "אף על פי שנמצאים כמה עצות טובות בספרי רביז"ל, שהם מלאים עצות להתקרב להשי"ת, אעפ"כ על פי רוב קשה להאדם לקיים העצה בעצמה. על כן העיקר הוא תפילות ותחינות ובקשות, יהיה איך שיהיה, על כל פנים ידבר בפיו באיזה בחינה שהוא, ויבקש מהשי"ת תמיד, שיוציא אותו מחושך לאור ויחזירהו בתשובה שלמה באמת, ואל יתן דמי לו עד שיענהו. ואף על פי שהוא קורא וצועק להשם יתברך זה זמן רב מאד, ועדיין הוא רחוק מאד מאד, אף על פי כן אם יהיה חזק ואמיץ בתפלות ובקשות, בוודאי סוף כל סוף יענהו השם יתברך ויקרבו לעבודתו באמת, בודאי בלי ספק, רק חזק ואמץ".

וואס איז געווען די פאסט? אים האט מען איבערגעגעבן די פאסט און ער האט געדונגען - ער האט געהאט ביי זיך א מענטש, אין אוקריינע, אן ערליכער איד; און ער האט געמוזט אלץ געבן - ער האט געבראכט דארטן די אלע בריוו, מיט די אלע געלט זאכן.

א גאנצן טאג איז ער געקומען אין א שטוב אריין נעמען א בריוו, נעמען געלט, אזוי איז געווען אמאל איינגעפירט אין אוקריינע צוריק מיט הונדערט - הונדערט-פופציג יאר; די פאסט איז איינגעשטאנען ביי א מענטש, מען האט נישט איבערגעגעבן די פאסט קיין גוי, (מען האט מורא געהאט פאר) גנבים, מען האט אויסגעקליבן אן ערליכן אידן און אים האט מען אויסגעקליבן אויף די פאסט.

האט ר' נתן פארשטאנען, אז ער וועט האבן דער פאסט און ער וועט האבן א אידן וואס ער וועט עס טאן, וועט ער קענען זיצן דאווענען און לערנען, ער וועט קענען האבן שיעורים קבועים.

געלט האט מען נאר אים אליין געגעבן, נישט קיין מענטשן; האבן אחריות אויף געלט. און ביז ער איז אריינגעקומען האט ער שוין איבערגעגעבן דעם אידן - אלץ איבערגעגעבן, האט ער שוין געקענט זיצן דאווענען און לערנען.

ווען ער נעמט א מיל, אדער א וואלד, וואלט ער גאר אוועקגעגעבן מער צייט. האט ער אים געזאגט: דו פרעגסט וואס צו נעמען - נעם בעסער דער פאסט.

פלעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגן: אבער ער האט דאך נישט געפרעגט צו ער זאל נעמען דאס, צו גארנישט; ער האט געפרעגט ר' נתן'ען איינס פון די דריי; האט ער געזאגט קלייב דיך אויס די דאזיגע.

פארוואס? ווען ער זאל ווען ר' נתן'ען פרעגן - צו איינס, אדער גארנישט, וואלט אים ר' נתן נישט געענטפערט - ווייל דאס איז שוין אן ענין פון מסירת נפש; און דארטן וואו מען דארף האבן מסירת נפש קען מען יענעם נישט זאגן[ח].

❖

[ח] עי' שיחות הר"ן רי"ד.

# איך האב דאך אייך געזאגט תורה!

נאר וואו די תורה הייסט האבן מסירות נפש - די דריי עבירות וואס איז 'יהרג ואל יעבור', אז די תורה זאגט 'יהרג ואל יעבור' - זאגט דאך די תורה אזוי, דארף מען האבן מסירת נפש - א איד א מאמין בה'!

(השואל: און ווען עס איז נישט מסירות נפש, קען מען יא זאגן יענעם 'עשה כך'?) קען מען אויך נישט זאגן יענעם און זיך מישן ביי יענעם; יענעם מאכט זיך - אזא סיבה, צו אזא סיבה - קען מען אויך נישט מישן זיך.

למשל - מיר רעדן פון חצות; עס איז דא א וועג פון חצות, עס איז א הייליגער זמן, אַן עת רצון, מען דארף אויף זיין די צייט - רעדן מיר פון דער זאך. אבער למשל אז יענער קומט צוגיין זאגן: 'עס איז מיר שווער, די קאפ טוט מיר וויי' - קען איך אים נישט זאגן 'טוה אזוי'; איך ווייס נישט זיין מח, איך ווייס נישט זיין קאפ; מיר רעדן 'בכלל'.

דארטן ביי תורה כ"ט - איינער איז געקומען צוגיין צום רבי'ן פרעגן - דארטן נאך שבועות - ער פארט דארטן צו א פרייץ - א גאנצע מעשה דארטן[ט]. האט דער רבי געזאגט: "איך האב דאך אייך געזאגט א תורה!"[י]. האט ער שוין פארשטאנען פון די תורה, אז דורך 'שבח הצדיקים' ווערט נתקבל זיינע דיבורים.

אזוי איז געווען; אז מען איז געקומען צום רבי'ן - יעדער איינער האט געהאט דארטן וואס ער האט געהאט - אט דאס איז די גרויסקייט פון דעם צדיק, אז יעדער איינער - וואס ער האט באדארפט האט ער געפונען אין די תורה; אבער נישט מען זאל אים זאגן 'עשה כך'.

[ט] חיי מוהר"ן אות כ'.

[י] עי' חיי מוהר"ן אות כ"ט.

אפילו דער ר' ישראל נעמיראווער - דער רבי האט נישט געוואלט ער זאל פארן דארטן קיין מאסקווע, האט ער אים אויך אנגעוואונקען - 'אזוי אזוי'[יא]; ער האט זיך נישט אנגעשטויסן.

דאס רעדן מיר פון דעם רבי'ן אליין - איז ער אויך נישט געגאנגען מיט 'עשה כך'.

❖

## דעם אמת'ן אמת

אפילו ר' נתן - אז דער שווער האט אים געוואלט געבן א רבנות דארטן אין א שטאט[יב], און ר' נתן איז געווען ראוי צו די איצטלא ער זאל אננעמען דארטן א רבנות. האט ער געפרעגט דעם רבי'ן, האט דער רבי אים געענטפערט: 'אוודאי, יא יא'. האט ר' נתן געפרעגט דעם רבי'ן: 'רבי, איך האב דאך דארטן מורא פאר א שאלה'. (ענה

---

[יא] עי' בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן, אות מ', המעשה שהיה: "מעשה באיש אחד ושמו ר' ישראל מנעמירוב אשר הפציר את אדמו"ר זצ"ל שיסכים לו לנסוע למקום המלחמה בשביל פרנסה, ואדמו"ר זצ"ל מדרכיו הנעלמים לבלי לדחוק את עצמו על שום דבר (כמובא מזה הרבה בסיפוריו הקדושים) ומחמת שאף על פי כן לא רצה בשום אופן להסכים לו, ענה ואמר לו בזה הלשון, "**זאלסט זיך פיר נעמין יוא מיט ניין גלייך**" [תקח לעצמך את הכן ואת הלא בשוה] (היינו שיהיה באמת שוה אצלו בלבו אם לנסוע או לאו) **אחר כך תאמר ה' קאפיטיל תהלים, און אחר כך ווי ס'וועט דיר אריין קומען אם דער מחשבה אזוי זאלסטו טוהן** [ואחר כך איך שיכנס במחשבתך כך תעשה] וכן עשה האיש הנ"ל, ואחר כך בא לאדמו"ר זצ"ל ואמר לו שנפל בדעתו הן ואדמו"ר זצ"ל לא הוטב זאת בעיניו כלל, כי ידע ברור כיום שהאמת לא היה בלבבו שווי ההן ולאו כאשר פקד עליו, כי באמת מחמת תבערת תאות ממון חשק ורצה בכל נפשו לנסוע הנסיעה הנ"ל ואמר לו אדמו"ר זצ"ל בזה הלשון: "**נא מיט א פלאטציקיל קאָן מען אמאל אַהעכט חאַפין**" [נו עם דג קטן לפעמים אפשר לתפוס הכט (דג גדול). ובעת שאמר לו אדמו"ר זצ"ל זאת, לא הבין כלל האיש הנ"ל את דבריו אלו ואחר כך נסע האיש הנ"ל לדרכו למקום הנ"ל, וסיבב שם השם יתברך ששָׂכר אותו עשיר אחד לעסקיו והיה אצלו איזה זמן ונשא חן בעיניו, והיה ביניהם אהבה גדולה מאד, והעשיר הזה היה איש בליעל ורע מעללים, וגם כבר בא בשנים ומימיו עוד לא נשא אשה כלל, אבל מרב אהבתו להאיש הנ"ל התחיל לדבר על לבו מיום אל יום בדברים רכים וטובים, עד שהתחיל לפעול אצלו מעט מעט, והתחיל לעזוב את דרכו הרע ונשא אשה כשרה וצנועה, והתחיל לילך בכל יום ערב ובוקר להתפלל, עד שבמשך הזמן נתהפך לאיש אחר ממש, ונעשה באמת איש כשר ככל בני ישראל הכשרים. וכאשר ר' ישראל הנ"ל מנעמירוב הביט וראה שפעלו כל כך דבריו בהעשיר הזה מיד נזכר במאמר אדמו"ר זצ"ל שאמר לו על ענין נסיעתו שבדג קטן יכולים לחטוף דג גדול, כי באמת כן היה גם שם המשפחה של העשיר הזה "העכט", שמעתי כל זה מפי אבי הריני כפרת משכבו ששמע זאת מפי מוהרנ"ת ז"ל וגם מרבי נפתלי ז"ל".

[יב] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א, אות ח'.

רבינו:) "**ווער דען זאל זיין, ווער עס האט נישט קיין מורא?!**" - דער וואס האט מורא - דער דארף זיין א רב![יג]

- אז עס איז דא דארטן א שאלה און ער האט אויף וועמען ער קען זיך סומך זיין - וועט דיר מאכן גרינגער די זאך.

(אח"כ שאל שוב לרבינו:) '**רבי, אבער ווי איז דער אמת?**'. (ענה לו רבינו:) "**דער אמת איז אזוי, דו זאלסט זיין א רב, פארוואס נישט?!**". ר' נתן האט דאך אבער געוואלט (- להישאר אצל רבינו, ושאל שוב לרבינו:) '**ווי איז אבער דער אמת'ער אמת?**'. (ענה רבינו:) "**נו, אז דו ווילסט דעם אמת'ן אמת, דארפסטו קיין רב נישט זיין!**"

צו דען האט אים דער רבי געזאגט - 'ניין!'? נאר אז ער האט זיך ארויסגעקוועטשט אז ער וויל דעם אמת'ן אמת (אז ענה לו כנ"ל); אבער 'אזוי' האט אים דער רבי געזאגט: 'יא!' - דו ווילסט דעם אמת? אוודאי זאלסטו זיין א רב, פארוואס נישט? נאר דעמאלט אז ער האט זיך אויסגעקוועטשט אז ער וויל דעם אמת'ן אמת, (השיב לו רבינו:) 'דארפסטו קיין רב נישט זיין!'

דאס איז אויך די אייגענע: יעדער איינער האט אין זיך א נקודה - דער רבי האט געזאגט: "**איך האב אין אייך ארייגעבראכט אסאך אמת!**"[יד]; אבער 'ווער'-און-'וויפיל' ער וויל דעם אמת און וויפיל ער וויל דעם 'אמת'ן אמת' - דאס ווייסט נישט איינער אויף דעם צווייטן; ווארום דער עיקר איז דאך נאר בלב - "**אמת בלבבו**"!

וויפיל עס ווערט ביי יעדן איינעם 'נקבעֶ' אין הארץ דער אמת; און וויפיל אמת עס איז - און וויפיל עס איז 'אמת לאמיתו' - ווער ווייסט דאס?! דאס ווייסט נאר דער בורא עולם אליין!

---

[יג] גם עי' בחיי מוהר"ן סי' תמ"ד, שמובא שם: "פעם אחת דיבר עמי, והיה רצונו קצת לעשות אותי אב בית דין באיזה קהילה. ושאלתי אותו כי יש לי מרה שחורה וחששות רבות בענין הוראות איסור והתר ואני מתירא ומתפחד מענין ההוראה מאד. השיב לי: מה לחשוש ולדאוג; מאחר שיש לך על מי לסמוך שוב אין אתה מתיירא כלל. פירוש: מאחר שיש דעה שמכשיר ואתה סומך על אותה דעה אין להתיירא עוד כלל (אמר המעתיק: זה פשוט, שעל דעה שאינה מוסכמת להלכה, בוודאי אין לסמוך; רק רצונו לומר, שלא לחשוש חששות יתירות בענין זה)".

[יד] עי' חיי מוהר"ן תקל"ח: "אמר על אנשי שלומנו שקשה להם שירימו את עצמן להנהיג ברבנות והתנשאות מחמת שהכנסתי בהם אמת הרבה יותר מדי!".

אז דער 'חותם' פונעם אויבערשטן איז 'אמת'"[טו], איז דער פשט, אז דער אויבערשטער וויל נאר דעם אמת פון יעדן איינעם; "רחמנא ליבא בעי"[טז] - דער אויבערשטער וויל דאס הארץ; און דער עיקר אמת איז דאך אין הארץ - "אמת בלבבו".

אז מען רעדט א דיבור אמת - דער עיקר איז דאך אז דאס הארץ רעדט! דאס 'האַרץ' וויל איך פון דיר! דאס הארץ - דאס איז דער אמת; און ווער קען דאס וויסן? איז נאר אז מען רעדט צוזאמען, גייט ארויס עפעס א דיבור אמת; דער לערנט פון דעם, און דער פון דעם; ממילא גייט ארויס אזעלכע פעולות - דאס איז א יסוד פון אידישקייט!

און מען דארף רעדן צום אויבערשטן דיבורים; און מען דארף זעהן (גוט זיך צוהערן צו) די דיבורים פון דעם צדיק - פון די דריי זאכן גייט ארויס עפעס א נקודה פון אמת[יז].

אבער אז יענער וויל זיין א נותן, ער וויל זיין א משפיע - ביי חב"ד גייט דאך אלץ דער ווארט: א 'משפיע', א 'משפיע' - ביי אונז איז אויך דורך השפעה, נאר די השפעה ווערט פון זיך אליין!

❖

## "קטן וגדול שם הוא"

(עונה לשואל, לא ברורה השאלה) **עס איז דא ווארט פון ר' נתן'ען: "אז מען צוברעכט א תאוה - ווערט צוויי!"**[יח].

---

[טו] גמ' שבת נה.

[טז] זוה"ק תצא רפא:

[יז] עיין תורה ל"ד, אות ח, וזל"ש: "נמצא שצריך כל אחד לדבר בינו לבין קונו, כדי שיאיר בחינת נקודה, בחינת: "פי ידבר חכמות", להוא"ו, שהוא בחינת: "והגות לבי תבונות". ועל ידי זה נתבטל ערלת לבו, היינו חרפות, היינו אהבות רעות. וגם צריך כל אדם לדבר עם חברו ביראת שמים, כדי לקבל התעוררות בלבו מהנקודה שיש בחברו יותר ממנו, כמו שכתוב: "ומקבלין דין מן דין". כי בזה הבחינה שיש בחברו יותר ממנו, זאת הבחינה הוא בחינת נקודה. ושם בהנקודה הזאת, שורה האהבה הנקרא כהן. והנקודה הזאת, הוא בחינת צדיק לגבי חברו. והנקודה הזאת, מאיר ללב חברו, הנקרא וא"ו. וכל הנקודות הללו, היינו הנקודה הנקרא פי ידבר חכמות, וגם הנקודה שיש בכל אחד מה שאין בחברו. הם ענפים להצדיק, שהוא נקודה כלליות של כל ישראל. שהכל צריכין לקבל מתחילה מהצדיק, ואחר כך יקבלו דין מן דין, וכל אחד יקבל מנה ובה. ועל ידי שלשה בחינות אלו, נתבטל החרפות, היינו ערלת לב, היינו אהבות רעות".

[יח] עי' שיח שרפי קודש ח"ג, אות שע"ד: "מוהרנ"ת אמר לענין שצריך רק תפילה בכדי לבטל את התאוות, ואין מועיל על זה עצות אחרות: "אז מען ברעכט א תאוה - ווערט צוויי..."; ורצה לומר שאת התאוות צריך לבטל לגמרי, כי אם רק

מען ווייסט אז אויף די עלטערע יארן האט ר' נתן, נאך רש"י'ס תפילין, עפעס טועם געווען - א קיכל מיט א גלאז טיי, און דערנאך איז ער געזעצן מיט די רבינו תם'ס תפילין און מאריך געווען (בתורה ותפילה) מיט די תפילין[יט].

- נאר אויף דער עלטער איז אזוי געווען, אין דער יוגנט נישט; אויף דער עלטער, ער איז שוין שוואך געווארן, האט ער שוין אזוי געטאן.

(ר' משה: רש"י'ס תפילין האט ער אויסגעטאן ערשט נאכן דאווענען?) **יא יא, אונזערע לייט פלעגן אויסטאן רש"י'ס תפילין, נאך 'עלינו' - מען האט נישט אויסגעטוהן פריער[כ], און ביי שמונה עשרה איז מען געזעצן מיט קבלת עול!...**

דא אין ירושלים האט מען מתקן געווען א תיקון, אז ראש חודש, איידער מען נעמט ארויס דעם ספר צו ליינען, טוט מען אויס רש"י'ס תפילין און מען לייגט דעם רבינו תם'ס תפילין - און מען ווארט (עושים הפסקה קצרה); דער גאנצער עולם ווארט צו - און מען זאגט די ארבע פרשיות, נאכדעם נעמט מען ארויס דעם ספר צו ליינען.

(ר' משה: נישט נאך מוסף?) **ניין - דעם רבינו תם"ס תפילין לייגט מען פאר מוסף![כא]**

וואס גיט דאס? דאס גיט אז ביי שמונה עשרה דארף מען נישט אויסטאן און אנטאהן די תפילין און מען דארף נישט כאפן די ארבע פרשיות; דאס געדויערט פינעף מינוט, זעקס מינוט, אזוי איז שוין איינגעפירט פון יארן!

(ר' משה: נאך פאר אייער צייט אויך?) **ניין - ר' אלחנן** (ספעקטור) **האט עס מייסד געווען!**

איינער איז געווען גאר א (חשוב'ער), ער איז אריינגעקומען ביי אונז דאווענען מוסף (ראש חודש), **האט ער געזאגט: 'אט דאס האב איך נאך נישט געזעהן!' און ער איז געבליבן ביי אונז דאווענען; די זאך איז אים געפעלן.**

---

מתגברים עליהן ושוברים אותן, אך לא מבטלין אותן - יכולות הן להתגבר אחר כך שוב ולהפילו יותר, ובדרך משל ששוברין דבר, שנעשה ממנו שני חלקים".

[יט] עי' כף החיים סי' כ"ה, ס"ק פ"ט.

[כ] עי' מגן אברהם או"ח סימן כ"ה, ס"ק כ"ח.

[כא] עי' נהר שלום דף י"ח ע"ב.

ער האט געזעהן אז עס קומט ראש חודש, מען כאפט, מען לויפט - און ביי אייך האלט מען זיך אויף, פינעף-זעקס מינוט, און מען לייגט אראפ די תפילין און מען טוט אן די תפילין און מען זאגט אפ די ארבע פרשיות (במתינות).

❖

עס שטייט דארטן אין דעם אנדערן קאפיטל פון איוב[כב]: "קטן וגדול שם הוא". האט ר' נתן האט א זאג געגעבן אמאל א ווארט: "קטן וגדול" - **'ווער עס איז קליין און ווער עס איז גרויס** - ["שם הוא" -] **וועט מען 'דארטן' וויסן"!**[כג]

- אזוי האט ר' נתן געטייטשט; פארוואס? ווייטער די נקודה פון 'אמת' - דער 'אמת שבלבו'.

❖

## גיין צום ציון פאר'ן טועם זיין

(המשך השיחה אודות ליתן עצות לאחרים)

(ר' חיים שלמה ראטנבערג: ר' נתן האט געזאגט צו ר' יצחק'ן ווען ער האט אים געפרעגט וועגן ערב ראש השנה -) דאס איז עפעס אנדערש; ערב ראש השנה - ר' יצחק איז געווען דעמאלט קראנק, האט ער געוואלט עפעס טועם זיין כדי ער זאל קענען זיין מער ביים ציון, האט ר' נתן אזוי געזאגט: **"ערב ראש השנה זאלסטו גיין אויפן ציון און דו זאלסט זאגן ווי אזוי דו וועסט זאגן - נאר פריער, פאר'ן עסן; און אז דו וועסט קומען נאך דעם** (אחרי שתטעם)**, וועסטו גיין נאכאמאל!"** וויבאלד עס איז ערב ראש השנה[כד].

(השואל: גיין אויפן ציון ביז חצות?) וואס עפעס ביז חצות? (השואל: ביז חצות היום זאל ער פאסטן?) ניין, דאס האט ער אים נישט געזאגט - ער איז א קראנקער מענטש געווען - נאר ער זאל גיין אויפן ציון פארן עסן.

---

[כב] ג, יט.

[כג] עי' שיחות הר"ן רמ"ד; ובגמ' פסחים נ.

[כד] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן, אות ל"ג: "פעם אחת בערב ראש השנה בבוקר שאל אותו בנו הר' יצחק ז"ל על אודות שחלש לבו מאד, אם יאכל איזה דבר קודם לכתו על ציונו הקדוש כדי שיהיה בכוחו לפרש שם שיחתו בהתעוררות הלב כראוי והשיב לו, לאו!, אמור כאשר תוכל ובלבד שיהיה קודם האכילה".

ער האט געוואלט עפעס טועם זיין פריער, און נאכדעם גיין אויפן ציון, ער זאל קענען זאגן מער במתינות - עס איז דאך ערב ראש השנה. האט ר' נתן געזאגט: 'ניין! גיי פריער, און זאג ווי אזוי דו וועסט זאגן; נאכדעם (נאכ'ן טועם זיין) וועסטו גיין נאכאמאל!'

❖

(השואל: אזוי פלעגט מען נישט גיין צוויי מאל א טאג?) **ניין!** [כה]

(ר' משה: אויפן רבי'נס ציון אויך נישט?) **הער זיך איין: מען האט נישט געפרעגט, און מען האט נישט געענטפערט; אז איינער איז געגאנגען דריי מאל, איז ער געגאנגען דריי מאל; זעקס מאל איז ער געגאנגען זעקס מאל - פרעגן און ענטפערן האט מען נישט; בכלל האט מען זיך נישט געמישט אין די עבודה איינער פון דעם צווייטן.**

(ר' משה: די שאלה איז, צו דאס איז געזאגט געווארן אויף קברי צדיקים אויך!? דא אין מירון, למשל, גייט מען נישט דריי פיר מאל א טאג צום ציון? מען גייט און מען שלאפט זיך אוים און מען גייט נאכאמאל!)
**מען וויל דאך זיין אויפן ציון, נאר מען דארף אוועקגיין און איך קום צוריק -** (ר' משה: דאס הייסט מען איז דארטן!)

**- מען רעדט דאך - איינער האט א היים, א שטוב, איז דאך אנדערע ווערטער. אז מען האט געוואוינט אין אומאן, געהאט א שטוב דארט, איז על-פי-רוב פלעגט מען נישט גיין קיין צוויי מאל.**

❖

## ...און וואס זאגסטו?

(ר' משה: פון וואנעט שטאמט, אז ר' נתן האט געזאגט: צו עסן נאך א לעפל אדער וויניגער א לעפל?)
**יא, ר' נתן איז דעמאלט געווען אין טעפליק, און איינער איז געקומען און געפרעגט ר' נתן'ען עפעס אן עצה, און ר' נתן האט אים נישט געענטפערט, האט ער נאכאמאל געפרעגט, האט ער אים געזאגט: "איך קען זיך קיין עצה נישט געבן צו איך זאל עסן**

---

[כה] עי' במגן אברהם או"ח סימן תקפ"א ס"ק ט"ז: "שאין לילך על קבר אחד ב"פ ביום אחד (כתבים)".

**נאך א לעפל באָרשט צו נישט, טאמער איז שוין גענוג - און דו ווילסט איך זאל דיר שוין געבן אַן עצה?!"**[כו]

❖

אונזערע לייט זענען געווען זייער זייער נזהר אין דער זאך - מען האט נישט געוואלט מישן זיך.

- למשל; ביי מיר איז געווען א מעשה דארטן, מען האט מיר א שידוך אליין גערעדט - האט מען מיר גערעדט צוויי שידוכים ביי אונזערע לייט - צוויי סארטן שידוכים; איינער איז געווען אן ארעמאן און איינער איז געווען א פארמעגליכער.

איך האב געפרעגט דארטן ר' אייזיק'ן - ר' אייזיק בארדיטשובער, ער איז דעמאלט געווען אין טשעהרין - האב איך אים געפרעגט: 'וואס זאל איך טאן'.

זאגט ער מיר: 'און וואס זאגסטו?'

[(ר' משה: ער האט געהייסן אן אדם חשוב ר' אייזיק?) **יא!** (ר' משה: דעם רבי'נס אן איניקל!) **אוודאי, א רעכטער אור-איניקל געווען דעם רבי'נס - פוןביידע צדדים; שרה'קע** (בת רביז"ל) **איז געווען זיין באבע; און אדל** (בת רביז"ל) **איז געווען זיין באבע.**

**זיין טאטע** (ר' שמחה ברוך) **איז געווען שרה'קעס א זוהן; און זיין מאמע** (רבקה מרים) **איז געווען אדל'עס א טאכטער; דער גרעסטער מיוחס איז ער געווען!**

(ר' משה: ער איז געווען א חשוב'ער טאקע?) **יא - ר' אייזיק פון בארדיטשוב; פרעג יוחנן!** (ר' משה: יא, ער גדענקט ער האט געשפילט אויף א פידל!) **יא!**]

- האט ער מיך געפרעגט: 'וואס זאגסטו?'. האב איך אים געענטפערט: מיר געפעלט בעסער 'דער'. (ענה הוא:) 'מיר געפעלט אויך בעסער 'דער''.

[כו] עי' "עלים לתרופה" - מכתב רנ"ד: "ועיקר הקילקול של רוב העולם הוא מה שחוטפים עצתם במהרה שעל זה נאמר עצת נפתלים נמהרה. כי לעצה האמתית צריכין לחכות הרבה לזכות אליה כמו שצעק דוד "עד אנה אשית עצות בנפשי" וכו', וזהו מהרו שכחו מעשיו ולא חכו לעצתו כי בכל מה שעבר עליהם היו צריכין לחכות לעצתו יתברך והבן זה מאד".

(דערנאך) אז איך בין געקומען קיין אומאן, האב איך געפרעגט ר' שמשון'ען[כי] (בארסקי ז"ל): 'מען רעדט מיר דיביידע שידוכים'. זאגט ער מיר: 'און וואס זאגסטו?' - אזוי ווי ר' אייזיק - 'וואס זאגסטו?', האב איך אים געזאגט: מיר געפעלט בעסער דאס. (ענה הוא:) 'נו, אזוי געפעלט מיר אויך בעסער דאס'.

- ווען האט ער געזאגט זיין געדאנק? אז ער האט געהערט פון מיר.

עפעס א געדאנק איז געווען - פריער וואס זאגסטו אליין?! דו ווייסט דאך אויך עפעס. מיר איז בעסער געפעלן דעם ארעמאן - דעם ארעמאן איז מיר בעסער געפאלן ווי דעם אנדערן.

זעהען מיר - א שידוך איז א שידוך - זיי האבן נישט געוואלט ענטפערן קיין ווארט; נאר וויסן פריער וואס (איך זאג), הערן מיין געדאנק - דאן וועט ער וויסן וואס צו זאגן.

מען איז געוואלדיג צוגעהאלטן געווען - מחמת אמת איז דאס געווען; דער אמת איז געווען אז מען האט זיך נישט געוואלט מישן איינער צום צווייטן.

דער אמת איז דאך אזוי; למשל ביי א שידוך - איך וויים אן עצה צו זאגן יענעם? נאר אז יענער גיט מיר ארויס זיין געדאנק וואס אים ציהט מערער, קען איך שוין אויך זאגן 'מיר געפעלט אויך אזוי'.

❖ ❖ ❖

## זיך באנוצן מיט 'יחוס'

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ו) "בקרוב עלי מרעים לאכול את בשרי וכו' (תהלים כז). **זאגט דער רבי אזוי: "וזהו כלל: כי כל נפש מישראל הוא מושרש בע' נפש של בית יעקב". מיר דארפן וויסן צו הייליגן דעם גוף, און וויסן וואו עס איז דער שורש אונזערער.**

---

[כי] נכד רביז"ל; אמו 'פייגא' היתה בתו של ר' אפרים בן שרה בת רביה"ק. אביו: ר' ישראל מענדל בארסקי. היה תלמיד של ר' משה ברסלב'ער. היה מראשי החבורה באומאן. נלב"ע באומן א' סיון תרצ"ה בן 62, ושם מנוחתו כבוד. (ע"פ גידולי הנחל)

און אז מיר ווייסן אז מיר זענען פון אזא הייליגן שורש, קען מען שוין רעדן צו זיך אליין: 'איך בין דאך מושרש פון די ע' נפש - שטייט מיר אן איך זאל זיך אזוי פירן? איך בין דאך פון א הייליגן שורש!'[כח]

די ע' נפש זענען מושרש אין די ע' פנים של תורה - אזא מין הייליגן שורש האבן מיר - די ע' נפש של בית יעקב און ע' פנים של תורה!

מיר קענען צולייגן נאך א ווארט: 'מיר זענען דאך מושרש על שם רבינו, א שיינעם שורש' - מיר ווערן דאך גערופן אויף דעם נאמען. קען מען זיך זאגן: 'עס שטייט מיר אן זיך אזוי צו פירן? איז רעכט זיך אזוי צו פירן? איז דען רעכט זיך צו פירן אזוי?!'

אז איך בין א מיוחס אויף דעם אופן - אז איך זאל זאגן צו זיך 'עס שטייט מיר אן אזוי צו פירן זיך?!' - אויף דעם אופן מעג איך אויסנוצן מיין יחוס; אבער אויף אנדערע נישט.

דער רבי זאגט גאר אין די תורה פון 'אלדד ומידד' דארטן[כט], אז מען דארף פארגעסן "את כל בית אבי ואת כל עמלי" - ער דארף פארגעסן ווי ער האט געהארעוועט, און פארגעסן דעם יחוס. אבער דאס איז אלץ נאר גערעדט געווארן, אז ער וויל מיר אריינברענגען אין עפעס א 'ישות' - איך בין א מיוחס, איך בין אן עובד!

❖

[כח] עי' ליקוטי הלכות ברכת השחר ה"ג, אות ה': "וזה בחינת (דברי הימים ב, יז) "ויגבה לבו בדרכי ה'" - שצריכין להגביה לבו ודעתו בדרכי ה' ולומר בנפשו שאין נאה לי לעשות מעשים כאלה מעשה בהמה ח"ו. כי נפשי גבוה מאד נפש ישראל שכולם בני מלכים וראוי לי להתנהג בנימוסי המלכות דקדושה, כמו שראוי לנפשות ישראל שנקראים (דברים י"ד) בנים אתם לה' אלקיכם. וזה בחינת מה ששכתוב בהתורה "ויהי הם מריקים שקיהם" (בסימן י"ז) על מאמר רז"ל (ב"ב ע"ד) "אנא בריה קלה שבים" וכו', עיי"ש, מה שהטוב של נפש ישראל זוכר מעלתו שהוא נמשך מנפשות ישראל שעלו במחשבה תחילה ובהם נמלך ונתייעץ בבריאת עולמות וכו'. ועתה ח"ו תהיה משוקעת במקומות כאלה רח"ל. ועל ידי זה מרחם על עצמו וחוזר למעלתו, וכו', עיי"ש".

[כט] ליקוטי מוהר"ן סי' צ"ז, וזל"ש, בא"ד: "כל אחד מישראל יכול לבוא למדרגה זו, למשול בתפלתו. אלא שיש שני מניעות; האחת היא קודם התפילה, היינו שעומד להתפלל בגדלות, שהוא מיוחס גדול, או מחמת שהוא עמל ויגע בעבודת הבורא ומחמת זה אי אפשר שיהיה ממשלה לתפילתו. רק צריך לשכוח כל זאת, ויהיה נדמה לו כאילו היום נברא, והוא יחיד בעולם. וזהו בחינת מנשה, לשון נשיון ושכחה. וזה שכתוב (בראשית מ"א): "כי נשני אלקים את כל בית אבי", זה היחוס. "ואת כל עמלי", שעמל בעבודת הבורא" וכו', עיי"ש.

# די אידישע שפראך

"וזה לעומת זה עשה האלקים'; קעגן די ע' נפש של בית יעקב, איז דא ע' לשון". אז עס איז ע' נפש, ע' פנים של תורה, איז דא אנטקעגן דעם ע' לשון. "און יעדער לשון האט זיך א מידה רעה בפני עצמה".

- דער רבי רעדט פון די ע' אומות - כאפט דער רבי אן דאס לשון: "ע' לשון". זעהען מיר אלץ, אז דער עיקר 'רע' ליגט אין דעם 'לשון'; אזוי ווי להיפך דער עיקר 'טוב' איז אין די תורה, דער 'רוח הקודש' איז אין די תורה; אזוי ווייטער איז דער עיקר רע אין דעם 'לשון'.

- "עס איז דא אנטקעגן (הע' נפש דקדושה) - ע' לשון; וואס יעדער לשון האט זיך א מידה רעה בפני עצמה 'מה שאין בחבירתה'; 'ומחמת המידות האלו' זענען זיי ווייט פון די ע' פנים של תורה".

אז מיר זענען אין גלות וואס מען מוז דארטן זיך משתמש זיין מיט זייער לשון מיט זייער כתב, איז נאר דערפאר אז מען זאל וויסן אז מען איז אין גלות, מען איז אין גלות און מען מוז זיך משתמש זיין מיט זיי; דא ברוך השם דארף מען עס נישט - אבער אין חוץ לארץ -

אבער ווייטער דארף מען וויסן, אויב דאס איז א לשון, ליגט דארטן א מידה רעה - אין דעם לשון ליגט א מידה רעה; און ווי ווייט מען קען זיך אויסהיטן אז מען זאל זיך נישט ליגן (- באנוצן) מיט דעם לשון, דארף מען זיך אוודאי אויסהיטן; ווארום דער לשון איז א מידה רעה.

(רלוי"צ פונה לאחד הנוכחים שם:) דאס מיינט מען אפילו אייך אויך; אין 'שול' רעדט מען ענגליש, איין טיש נעבן אנדערן - וואס דארף מען דאס? מען פילט עפעס א קדושה אין ענגליש?! - נאר וואס דען? איר זענט דארטן אויפגעוואקסן, איר האט נישט קיין אנדערע ברירה, מוזט איר עס; אבער אז מען איז דא מיט די קינדער, פארוואס דארף מען רעדן ענגליש?!

(השואל: פון וואנעט שטאמט טאקע "אידיש"?) **פון וואנעט דאס נעמט זיך, ווייסט מען נישט; אבער דאס ווייסט מען - אז די אלע ע' אומות רעדן נישט אידיש! עס איז נישט קיין נפקא מינה** (פון וואו עס שטאמט) **- פון אסאך הונדערטער יארן - איך ווייס פון וויפיל יאר - איז אליין 'דער' לשון.**

(השואל: די שפראך וואס מען רעדט דא הייסט "לשון קודש"?) **לשון קודש?! די תורה הקדושה איז לשון קודש! די אלע ספרי יראים איז לשון קודש! די תורה שבעל פה - דער 'תרגום', איז אויך לשון קודש! - דאס איז אונזער לשון קודש!**

**אז דער רבי רעדט פון לשון קודש אין תורה י"ט, מיינט דער רבי, מען זאל טאקע מרבה זיין בתורה ותפילה, מרבה זיין בתורה ותפילה!**[ל]

(ר' חיים שלמה: לשון הקודש, מיינט מען, אפילו אידיש ווען מען רעדט ביי התבודדות!) **יא. אידיש איז דאך אונזער לשון.**

**ווייזן ווייזט אוים, אז עס איז שוין א לשון - אן אלטער לשון - דער רבי האט דאס גערעדט; מען קען נישט ויסן פון וואנעט עס האט זיך גענומען.**

**מען זעהט דאך אז די אלע - דער בעל שם הקדוש - און פריער; דער מהר"ל מפראג - און נאך פריער, אין חוץ לארץ - האבן זיי אלע גערעדט מיט דעם לשון** (אידיש) **וואס מיר רעדן. זיי האבן גערעדט אזוי אביסל ליטוויש, אבער אלץ גערעדט מיט דעם לשון וואס מיר רעדן.**

**עס איז אן אלטער לשון, עס איז א געמישטער לשון; אבער דאס איז בָּרור - קיין שום אומה האט נישט גערעדט מיט דעם לשון!**

**דאס ווייסן מיר, אז דער לשון וואס מען האט גערעדט אין חוץ לארץ און וואס מען רעדט היינט אין גלות, וואס הייסט 'זשארגאן' - קיין איין אומה רעדט נישט דעם לשון**

---

[ל] עי' בספה"ק "ליקוטי עצות" - ערך 'ברית', אות י"א, ע"פ תורה י"ט: "עיקר הכנעת ושבירת כל התאוות בפרט תאות נאוף שזה העיקר שצריך לשבר, העיקר הוא על ידי שלימות לשון הקודש. דהיינו על ידי ריבוי הדיבורים קדושים שהם תורה ותפילה ושיחה בינו לבין קונו. ואף על פי שמשיח ומדבר בינו לבין קונו בלשון אשכנז שמדברים בו במדינתנו, הוא גם כן בכלל לשון הקדש, כי אדרבא, בינו לבין קונו צריך דווקא לדבר בלשון שמדברים בו (כמבואר בהתבודדות אות י"ג). רק העיקר שישמור את הלשון לקדש אותו בדיבורים קדושים שזה בחינת שלימות לשון הקודש. ולשמור את הלשון שלא לדבר דיבורים רעים, שהם פוגמין את הלשון קודש. ועל ידי קדושת הדבור, כנזכר לעיל מכניעין רע הכולל, כנ"ל".

- קען מען שוין זאגן אז עס איז נישט פון די ע' לשון; עס איז נישט פון די ע' לשון וואס דער רבי זאגט 'אז די ע' לשון איז ע' מידות רעות'.

יעדער אומה האט זיך א 'מידה רעה' וואס דאס איז איר לשון; זיי רעדן נישט מיט דעם לשון (אידיש) - איז געווים אז דאס איז נישט פון די ע' לשון. עס איז דא ע' אומות - זאל איין אומה רעדן מיט דעם לשון - קיין שום אומה רעדט נישט מיט דעם לשון, איז דאס אוודאי נישט פון די ע' לשון; כאטש דאס איז נישט לשון קודש, אבער עס איז נישט פון די ע' לשון וואס עס ליגט דארט א 'מידה רעה'.

דער רבי זאגט דארטן[לא], אז דער זוהר הקדוש האט שוין אזוי מְקדש געווען דעם לשון תרגום - תרגום איז דאך לשון ארמית - אז דער זוהר הקדוש איז געמאכט געווארן אויף תרגום, האט ער שוין מְקדש געווען דעם לשון תרגום.

אונזער לשון הקודש איז 'תורה ותפילה'! 'תורה ותפילה' דאס איז לשון קודש, דאס איז א הייליגער לשון, דאס הייליגט.

❖

## דער גאנצער ענין פון התבודדות

אונזערע לייט פלעגן זאגן - אז 'תרגום' הייסט: 'דברי רשות' - וואס דאס איז מעורב טוב ורע![לב]

דער רבי רעדט דארטן אין תורה י"ט: אז 'חוה' איז לשון הקודש; און אז דער 'עץ הדעת' - דאס איז תרגום - עירוב טוב ורע; און עס איז דא דער 'רע גמור' - דער נחש איז רע גמור (עיי"ש באריכות). איז דער 'רע גמור', דער נחש, האט נישט געקענט צוקומען צו חוה'ן, דאס הייסט צו דעם 'טוב גמור', נאר דורך 'טוב ורע' - דורך 'תרגום'[לג].

---

[לא] עי' שיחות הר"ן ק"ט: "רשב"י קידש כל כך את לשון התרגום עד שאפילו שאר דברים הנכתבים בלשון תרגום יש להם כח לעורר להשי"ת".

[לב] עי' בליקוטי הלכות תפילת ערבית ה"ב, וזל"ש: "תרגום הוא בחינת רשות בחינת היתר שהוא בבחינת עץ הדעת נוגה בחינת תרגום כמובא. כי חיוב מצוה ואיסור הם בבחינת קודש והיפוכו. אבל ההיתר ורשות הם בבחינת תרגום עץ הדעת כמובא".

[לג] וזל"ש ע"פ קיצור ליקוטי מוהר"ן: "עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע זֶה לְשׁוֹן תַּרְגּוּם, שֶׁהוּא אֶמְצָעִי בֵּין לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ שֶׁהוּא אִשָּׁה חֲכָמָה שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב, וּבֵין לְשׁוֹן שֶׁל שִׁבְעִין עֲמָמִין שֶׁכֻּלּוֹ רַע, כִּי כָּל לְשׁוֹנוֹת הָעַכּוּ"ם עַכְשָׁו הֵם רַע גָּמוּר, וּכְשֶׁהֵם דְּהַיְנוּ הַנָּחָשׁ כַּנַּ"ל

דער 'רע גמור' קען נישט צוקומען - זיך דערנענטערן צו אים - אז ער ליגט נאר אין דעם 'חוה'. אז דער דיבור איז נאר 'תורה ותפילה', קען ער בשום אופן נישט צוגיין - סיידן (- נאר אז עס ווערט אויסגעמישט) 'טוב ורע'.

'טוב ורע' הייסט, עס איז נישט קיין רע גמור - נישט קיין לשון הרע, קיין רכילות; אבער עס איז נישט קיין תורה ותפילה - נאר עס איז אויסגעמישט; און פון דארטן קען ער זיך ארייכאפן צום 'טוב'.

יעדע זאך איז אזוי; דער 'רע גמור' קען נישט צוקומען צו קיין מענטשן וואס איז פול מיט טוב און צוגיין צו אים און אים אָנרעדן אזוי; דער מענטש איז טוב - און דאס איז רע גמור - גאר דער היפך. נאר וואס דען? דורך די זאכן המותרים וואס דארף האבן קדושה - דאס הייסט שוין מעורב טוב ורע; דורך דארטן גייט ער צו און ער קען שוין ארייפאלן אינגאנצן אין רע גמור.

אזוי ווי עס איז געווען ביי דעם 'חטא עץ הדעת'; דער נחש האט בשום אופן נישט געקענט צוקומען אנרעדן אדם'ען מיט חוה'ן - נאר דורך דעם עץ הדעת פון 'טוב ורע'; אז ער האט אויסגעמישט 'טוב ורע' - איז נאך דעם שוין געווארן רע גמור; אז ער האט ארייגעווארפן א זוהמא אין איר, איז שוין געווארן 'רע גמור'.

אנגעהויבן האט זיך עס פון 'טוב ורע' - ביי יעדן איינעם איז אזוי; דורך די אלע דברים המותרים - און מען דארף האבן קדושה - דארטן איז מעורב טוב ורע; און דורך דארטן גייט ער צו און ער קען שוין צו טרעטן צו דעם טוב גמור און ארייווארפן אין רע גמור.

❖

רוֹצִים לִינֹק מִלְּשׁוֹן־הַקֹּדֶשׁ, אִי אֶפְשָׁר לָהֶם לִינֹק מִמֶּנּוּ כִּי אִם עַל־יְדֵי לְשׁוֹן תַּרְגּוּם, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ טוֹב וָרָע. (אָמַר הַמַּעְתִּיק: כִּי עַל־יְדֵי שֶׁהָאָדָם מְעֹרָב בְּמִדּוֹתָיו טוֹב וָרָע, הוּא בִּבְחִינַת לְשׁוֹן תַּרְגּוּם, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע, וְעַל־יְדֵי־זֶה יוּכַל הָרַע הַכּוֹלֵל לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו, כִּי עֲדַיִן אֵין שְׁלֵמוּת לִלְשׁוֹן־הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ. אֲבָל עַל־יְדֵי שֶׁמַּפִּיל אֶת הָרַע שֶׁבּוֹ לְגַמְרֵי, וּמַעֲלֶה אֶת הַטּוֹב שֶׁבּוֹ, עַל־יְדֵי־זֶה נִשְׁלָם הַלְּשׁוֹן־הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ וְזוֹכֶה לִשְׁמִירַת הַבְּרִית, וְכָל זֶה הוּא סוֹד הַנָּחָשׁ שֶׁפִּתָּה אֶת חַוָּה רַק עַל־יְדֵי עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע)".

א הלכה איז דא[לד] (בליקוטי הלכות) - רעדט רבי נתן אויך ארום אזוי, אז דברים האסורים - דאס איז רע גמור, דאס איז נישט אזוי שווער (המלחמה); נאר די זאכן וואס איז אזוי קליפת נוגה, מעורב טוב ורע, דארטן איז שוין - (עיקר המלחמה).

- צוגיין צו א אידן און זאגן אים: טוה אן עבירה? (- אין מי שיסכים לכך!); און דער וואס טוהט אן עבירה האט אויך אנגעהויבן פריער מיט א זאך וואס איז מעורב טוב ורע, און נאך דעם איז ער געווארן (פארכאפט אין) רע גמור; אבער אנגעהויבן האט זיך עס אנגעהויבן מיט א זאך וואס איז מעורב טוב ורע.

דארף מען זיך טאקע זייער היטן; דער מענטש דארף זעהן נאר צו רעדן תורה און תפילה, יראת שמים - אט דאס איז טוב, אזוי וועט ער נישט געכאפט ווערן; ער וועט זיך נישט קענען אריינכאפן אינעם רע.

אבער טאמער לאזט מען אפ דעם דיבור, מען פלאפלט און מען רעדט אזוי - קען זיך שוין אריינכאפן א 'רע' אויך - א לשון הרע'לע, א רכילות'ל - עס קען זיך שוין אריינכאפן א רע גמור אויך; ווייל איך האב אפגעלאזט דעם דיבור פון טוב גמור, איך האב אריינגעלאזט טוב ורע, איז שוין געווארן רע גמור.

דער גאנצער ענין פון התבודדות איז נאר - אז דער מענטש זאל זיך נישט לאזן אריינכאפן אין דאס וואס איז מעורב טוב ורע!

ער זאל עס אויסרעדן פאר השי"ת - דער אויבערשטער איז דאך דער אור האמת, און 'אתה קדוש ושמך קדוש' - אלעס איז דאך דארטן דא; און דא איז דא אזא 'יצר הרע' וואס ער איז רע גמור און ער איז געוואלדיג - און ער איז זיך מתלבש אין מצוות; אלעס אויסרעדן השי"ת: 'דו ביסט קדוש, ושמך קדוש און אלעס איז קדוש'; און ער איז דאך א רע גמור, טומאה מיט רע גמור.

❖

[לד] עי' בהלכות נזיקין ה"ד, כ"ח: "מובן בספרים שעיקר הנסיון והמתקלא והבירור הוא בבחי' קליפת נוגה שמעורב טוב ורע שמחמת שיש שם טוב ג"כ, יש כח יותר להרע לינק דרך שם כידוע".

# 'כוחו של משה' איז אבער גרעסער

טאקע אין די היינטיגע סדרה זאגט דער זוהר הקדוש[לה], אז די כוחות וואס משה האט געהאט מרוב קדושתו, האט בלעם געהאט מרוב טומאתו; וואס בלעם האט זיך מער מטמא געווען, האט ער געהאט מערער כוחות; און וואס משה האט זיך מער מקדש געווען, האט ער געהאט מער כוחות; און זיי שטייען ביידע אויף איין וואג (זה לעומת זה).

מען האט אים געגעבן מלמעלה אזעלכע כוחות, ער האט געקענט מאכן - ביי אלע אומות איז בלעם געווען דער בעל מופת, געשאלטן, געטאן; אז ער האט נאר א קוק געטאן, האט ער פארברענט יענעם[לו] - פון וואנעט האט זיך דאס גענומען? נאר - וואס ער האט זיך מער מְזהם געווען מיט דברים המטונפים, מיט דברים המזוהמים, האט ער געהאט מער כוחות.

אז ער האט געוואלט טאן עפעס א זאך - זאגט דער זוהר הקדוש - האט ער זיך מטמא געווען רח"ל מיט אלע מיני טומאות - און פון דארט האט ער געצויגן זיינע כוחות.

עס איז דאך א געוואלדיגע זאך: אז דער אויבערשטער האט געגעבן א משה - האט ער געגעבן א בלעם קעגן דעם.

אזוי האט מען גארנישט געקענט דערקענען; בלעם איז געווען א בעל מופת, ער האט געשאלטן, ער האט געבענטשט, ער האט אלץ געטאן, און עס איז אלץ געווען פון די טומאה; א שווער שטיקל ארבעט, האט ער זיך מער מטמא געווען. אזוי ווי אן ערליכער איד דארף זיך מער מקדש זיין - האט ער זיך מער מטמא געווען; און דאס איז דער כח הבחירה - אז עס איז דא א משה, איז דא אנטקעגן דעם א בלעם!

---

[לה] דף קצג:

[לו] זוה"ק רו:

נאר וואס דען, מען דארף גלויבן אז 'כוחו של משה' איז גרעסער; כאטש עס קוקט דאך אויס אזוי - גלייך אויף גלייך - אבער 'כוחו של משה' איז גרעסער!

און דאס איז אויך דאס אייגענע: אז מען דארף גלויבן אז דער כח הצדיק איז אזוי פיל גרויס - כאטש דער יצר הרע איז אזוי שטארק, אבער 'כוחו של משה' איז גרעסער![לז]

ער (דער יצר הרע) האט א געוואלדיגן כח; אז איך גיי אריין צו משה'ן און איך נעם די כוחות פון משה'ן - קען איך טאקע גיין אנטקעגן אים (היצה"ר) אויך, נאר איך מוז זיך שלאגן; מיט תפילה און מיט גרויס תחנונים, קען איך שוין - אבער ווי אזוי? אז ער (היצה"ר) גייט מיט אלע כוחות און איך נעם א גארנישט, איז אוודאי הויבט ער אן ווערן גרעסער.

דער רבי האט געזאגט: "ווילסטו אבער ווען?!"[לח]. ער (היצה"ר) וויל - ער וויל יעדן איינעם מטמא זיין, יעדן איינעם מזהם זיין; און מיר דארפן ווען דעם היפך - 'ווילסט אבער ווען?!'

דער רצון דארף נישט ווערן נפסק ביים מענטשן, מען דארף כסדר ווען; אפילו איך קען נישט טאן, דארף איך כסדר ווען![לט]

[לז] עי' בליקוטי הלכות ברכת הריח ה"ד, ל"ב: "צריכים לדעת שאף על פי שהצדיקים הגדולים עושים תיקונים נפלאים בכל דור ודור בפרט בחירי צדיקיא כמו דוד וכיוצא שעשו מה שעשו לטובת תקנת נפשות ישראל ופעלו וגמרו הרבה מאד, אף על פי כן הבעל דבר אינו מניח את מקומו ומתגרה בישראל בכל פעם יותר וחותר הרבה מאד לקלקל כל התיקונים של הצדיקים, אבל אף על פי שהוא מקלקל הרבה מאד, אף על פי כן אתה מרום לעולם ה'. כי גדולי הצדיקים מתקנים תיקונים נפלאים כאלה עד שאף על פי שמקלקל אחר כך כמו שמקלקל, אף על פי כן נשארת הרשימו של התיקון לנצח. שעל ידי זה סוף כל סוף יגמור הצדיק התיקון שהתחיל".

[לח] עי' חיי מוהר"ן תקצ"ב: "אחד מבני הנעורים דיבר עמו ז"ל ואמר: אני רוצה להיות איש כשר "איך וויל זיין איין ערליכער יוד". והשיב לו רביז"ל: "ווילסטו אבער ווען". והמשכיל יבין כי דיבורים אלו המועטים מחזיקים הרבה מאד כידוע ומובן למעיין בשיחותיו הקדושים והנפלאים מאד. יהי רצון שנזכה לקיימם אמן!".

[לט] עי' בדבריו המתוקים והנפלאים של מורינו הרה"ק מוהרנ"ת זצ"ל בליקוטי הלכות ערב ה"ג, והנה לפניך מש"ש, אות ה': "והכלל הוא שאין שום יאוש בעולם כלל. ואפילו אם האדם הוא כמו שהוא כל זמן שעדיין הוא זוכר את השי"ת ויש לו רצון לשוב אליו יתברך. אע"פ שזה כמה אשר הוא כוסף לשוב אליו יתברך. ועדיין לא זכה לתשובה. אדרבא פגם יותר והוסיף חטא על פשע ח"ו אעפ"כ יחזק עצמו בהרצון יותר ויותר. וירגיל עצמו בכל עת לכסוף ולהשתוקק להשי"ת תמיד בכל עת. ועי"ז בוודאי סוף כל סוף יזכה לצאת משטותיו. ויזכה בוודאי לתשובה בלי ספק!". ומסיים שם: "כי איך שהוא עכ"פ אל ירפה את הרצון ולא יטוש ולא יעזוב את הרצון. אדרבא ירגיל עצמו לכסוף ולהשתוקק בכל פעם יותר

# "כשאדם חושב בלבו"

דער רבי זאגט טאקע אין תורה מ"ט: 'כשאדם חושב בלבו, איך לעבוד את השם יתברך'[מ], דאס הייסט, גוטע געדאנקען. ער טראכט אין הארץ: מיט וואס זאל איך דינען דעם אויבערשטן?! וואס זאל איך טוהן א נחת רוח פאר דעם אויבערשטן - מיט דער זאך, צו מיט דער זאך?!

קומט דאך אויס דערפון, אז דאס איז נישטא וואס צו רעדן אז מען דארף טאן גוטע זאכן - נאר מיט וואס - "איך לעבוד?" - אט דאס הייסט 'יצר טוב'; און דאס איז "לבי חלל בקרבי" וואס דאן ווערט א בריאה אין הארץ, עס ווערט א נייע בריאה (עיי"ש בפנים).

"רחמנא ליבא בעי" - דער אויבערשטער וויל דאס הארץ; און דער עיקר איז, די "מחשבה שבלב", דער מענטש זאל טראכטן אין הארצן גוטע געדאנקען.

וואס ער זאל (נאר) טראכטן, צו טוהן דאס, צו טוהן דאס - דאס איז נישטא וואס צו רעדן אז קיין שלעכטס טאר מען נישט טאן, נאר גוטס; אבער וואס זאל איך טאן - צו די זאך, צו די זאך?

און אז ער טראכט - 'וואס ער זאל טאן' (ב'עשה טוב') - זאגט דער רבי, (ווערט זיין האַרץ "בבחינת) לבי חלל בקרבי" - עס ווערט א בריאה אין הארץ, עול מלכות שמים - און אלץ נאר פון דעם טראכט; און דאס צו טראכטן און אז אט די טראכטן (- מחשבות) זאל זיך דערהאלטן - דארף מען אסאך תורה, אסאך תפילה[מא].

---

ויות ברצון חזק יותר ויותר להש"י וזה הרצון בעצמו טוב מאד ויכול לזכות עי"ז לתשובה שימה באמת ולעלות לכל העולמות דקדושה".

[מ] כל זה מבואר שם בתורה מ"ט אות א', וזל"ש באות א': "נמצא כשאדם חושב מחשבות טובות בלבו איך לעבוד את השם יתברך, בזה נעשה לבו, בבחינת: "צור לבבי", ובבחינת: "ולבי חלל בקרבי", שבתוך החלל יתגלו פעלותיו. ועל ידי פעולותיו ומידותיו הטובים, יתגלה שהוא מקבל עול מלכות שמים שלימה", ועייעו"ש.

[מא] עי"ש בתורה מ"ט, אות ד': "וכל זה הוא בחינת תפילה, שהיא עבודה שבלב. כי תפילה שבלב, היא בחינת התגלות מלכותו, שבתוך חלל הפנוי שבלב כנ"ל. והבן מאד, כי הדברים עמוקים מאד מאד, ורביז"ל, קיצר כאן ודיבר הכל ברמז, כמאן דמחוי במחוג, והדברים נכוחים למבין. והעיקר לקיימם כפשוטן, לשמור עצמו מאד ממחשבות רעות, כי מחשבות רעות הם עיקר היצר הרע, בחינת יצירה לביש. על כן צריכין לשמור מחשבתו מאד, ולהכריח עצמו

'טראכטן' אליין - דאס איז דאך אזא מין רצון וואס האלט זיך נישט אזוי - די 'טראכטן' לויפן אוועק, דאס טראכטן האלט זיך נישט; אז איך טראכט - לויפן אוועק אנדערע געדאנקען; אבער וואס דער מענטש איז זיך מער מעמיק אין תורה ותפילה, איז דא מער כוחות אז עס זאל בלייבן ביי אים נאר מחשבות טובות.

עס איז דא א גרויסע הלכה (בליקוטי הלכות) אין תפילה המנחה (הלכה ז') אויף די תורה - תורה מ"ט, אז די מחשבה איז עפעס א געוואלד![מב] "כולא במחשבה איתבירירו" - זאגט דער זוהר הקדוש[מג]. אינגאנצן דער מענטש - וואס ער טוהט נאר, איז אלץ (געוואנדן) אויף וואספארא מחשבות שטעלט ער זיך!

❖

## אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים

עס איז דא א טייטש פון דעם רבי ר' ברוך'לען: "'הבוחר בשירי זמרה' (ברכת ישתבח) - דער אויבערשטער איז בוחר (בשיירי) אין די שיריים וואס בלייבט איבער פון דעם דאווענען"![מד]

---

תמיד לחשוב מחשבות טובות, שהם בחינת יצר טוב. ולזכות לעשות על ידי זה מעשים טובים ומידות טובות וכו', ולהתפלל בכוונה ולעשות תשובה", וכו', עיי"ש.

[מב] עיי"ש באריכות נפלא, והרי לפניך מה שכתב שם, אות צ"א: "וזה בחינת בראשית, בית ראשית. ראשית בחינת בירור המחשבה שהיא חכמה שבמח שנקרא ראשית בחינת ראשית חכמה. שעיקר בריאת העולם שדומה לבית כמו שאמרו רז"ל, הוא בשביל בירור המחשבה, להגביר היצר טוב על היצר הרע, שהוא להגביר המחשבות טובות על המחשבות רעות שהם עיקר היצרין, שעל ידי זה נבנה בית הקדושה בחינת בית המקדש על ידי שמתקבצים לשם בירור המחשבות טובות מתוך הרעות שזה עיקר הברור כי 'כולא במחשבה אתברירו'".

[מג] עי' זוהר פקודי רנד:

[מד] מובא ב"בוצינא דנהורא", ערכי 'עבודה' - 'תפילה', אות כ"ח.

'דער רבי זאגט טאקע אין תורה ס"ה[מה], אז א רשימה בלייבט איבער נאכן ביטול'; די התבודדות איז א ביטול[מו]. און אז דער ביטול גייט אוועק, דארף בלייבן א רשימה - און דער עיקר איז די רשימה; דער ביטול קען דאך נישט זיין אויף כסדר.

- נאכדעם אז עס גייט אוועק, גייט דאך דאס אוועק - דארף זיין א רשימה; און די רשימה וואס עס בלייבט איבער - רעדט דער רבי - אט די רשימה דאס איז דער עיקר!

די גאנצע תורה, רופט דער זוהר הקדוש אָן: עצה - "תרי"ג עטין"; איך האב זעקס הונדערט און דרייצן עצות[מז]. צו וואס איז די עצה? די עצה איז, אז מען זאל דערקענען דעם אויבערשטן; דער תכלית פון אלצדינג איז, אז מען זאל דערקענען דעם אויבערשטן![מח]

אז א מענטש גייט ארום מיט זיינע געדאנקען (מהבלי עוה"ז) - פארגעסט ער דאך ממש אינגאנצן פון דעם אויבערשטן - ער לאזט דאך אים אפ אינגאנצן! אט דאס שטייט טאקע אין פסוק[מט]: "אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים לַחְצֹב לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא יָכִלוּ הַמָּיִם" - פארוואס לאזטו מיך אפ? איך בין דאך א 'מקור מים חיים'.

עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש[נ]: רבי אבא האט געזאגט: "אותי עזבו" - 'אותי' מיינט מען דעם 'אות ברית'. ווען קען זיין "לחצוב בורות נשברים" - אפלאזן דעם

---

[מה] וזל"ש, ע"פ ליקוטי עצות, ערך 'השגות והתנוצצות אלקות': "אי אפשר להיות קבוע תמיד בבחינת הביטול, כי אם כן יצא מגדר אנושי. ועל כן בהכרח שיהיה הביטול בבחינת רצוא ושוב, ואז הרשימו של הביטול מאיר אל הדעת אור מתיקות נעימות התנוצצות אלקות, מה שאי אפשר לאחד לספר לחבירו כלל. ועל ידי זה נמשך שמחה גדולה", וכו'.

[מו] עי' ליקוטי מוהר"ן נ"ב: "דע שעיקר הביטול, שאדם מבטל ישותו ונעשה אין, ונכלל באחדות השם יתברך, אין זה אלא על ידי התבודדות!".

[מז] יתרו פב:

[מח] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ג, אות ד': "וזה ידוע, שהתורה היינו המדות, היינו הימים, שורה בהם אהבתו יתברך שמו. כמו שכתוב בזוה"ק (בלק קצ"א:, בראשית מ"ו.) "יומם יצוה ה' חסדו", שהחסד היינו האהבה, כמו שכתוב (ירמיה ל"א): "אהבת עולם אהבתיך (על כן משכתיך חסד") וכו', הוא יומא דאזל עם כולהו יומין, היינו המדות. כי המידות הם צמצומים לאלקותו, כדי שנוכל להשיג אותו על ידי מידותיו, כמו שכתוב בזוה"ק (פרשת בא מ"ב:): 'בגין דישתמודעין ליה', כי בלא מידותיו אי אפשר להשיג אותו. ומחמת האהבה שאהב את ישראל, ורצה שידבקו בו ויאהבו אותו עמו מזה העולם הגשמי, הלביש את אלקותו במידות התורה. וזה בחינות של תרי"ג מצוות, כי השם יתברך שיער בדעתו שעל ידי המצוה הזאת נוכל להשיג אותו, ועל ידי זה צימצם את אלקותו דווקא באלו התרי"ג מצוות", וכו', עיי"ש.

[מט] ירמיה ב, יג.

[נ] ואתחנן רסו.

אויבערשטן און נעמען זיך בורות נשברים? אז "אותי עזבו" - אז מען לאזט אפ דעם 'אות', דעמאלט קען זיין אז מען מאכט אזא מין חילוף אז מען לאזט אפ 'מקור מים חיים' און מען נעמט זיך 'בורות נשברים אשר לא יכילו המים'.

ווארום דער עיקר 'האבן שטארקייט' און 'זיין מקושר צום אויבערשטן', דער 'לב ונפש' צום אויבערשטן, איז נאר וואס מען האלט 'דעם אות'! דער אות דאס איז דער יסוד!

וואס מען רעדט עפעס אמאל א ווארט איז נישט חלילה אויף אראפצואווארפן יענעם, נאר באנייען זיך און בעטן דעם אויבערשטן איבער א נייעס - 'איך זאל נישט מאכן אזא מין חילוף פון מקור מים חיים!'

'מים חיים' איז דאך אפילו מטהר א 'זב' - א זב דארף האבן 'מים חיים', א מצורע דארף האבן מים חיים; די פרה אדומה איז געווען 'מים חיים' - מים חיים איז דאך פון אלץ מטהר - אלעס; און מען נעמט 'בורות נשברים אשר לא יכילו המים'; אוודאי קען מען זיך נישט האלטן דארטן...

❖

## שרייען 'ע' קלין'

(ממשיך הלימוד בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ו) "וכשהנפש של בית יעקב באה בגלות תחת יד ע' לשונות, היינו במידותיהם הרעים, אזי היא רָאֲמַת ע' קלין". 'ראמת' איז דער פשט: 'זי שרייט ארויס פון זיך אליין'. "היא ראמת ע' קלין, כיולדת שקודם הלידה היא צועקת ע' קלין כנגד ע' תיבין שבמזמור יענך" וואס אן דעם קען נישט זיין קיין לידה.

קומט דאך אויס, אז דער 'נפש' שרייט; אז א נפש פון בית יעקב וואס זי איז מושרש אין די ע' נפש און מושרש אין די ע' פנים של תורה, אז אזא 'נפש' פאלט אריין אין גלות ביי זיי, איז עס א געוואלד - דער היפך, שרייט זי קולות; און דער מענטש פילט נישט.

"היא ראמת ע' קלין" - ווי מיר האבן גערעדט פריער (שהיא צועקת): פון וואנעט ביזסטו אוועק און וואו ביסטו אריין? דו ביסט אוועק פון דעם 'מקור מים חיים', און דו ביסט אריין אין 'בורות נשברים'.

אז א נפש פון בית יעקב פאלט אריין אין גלות 'תחת יד ע' לשונות', שרייט זי קולות, ווייל דעם אמת פילט זי דאך - אזוי ווי מיר האבן פריער גערעדט; 'פון וואנעט איז מיין שורש? איך האב דאך אזא מין הייליגן שורש פון די ע' נפש - און דא בין איך אריינגעפאלן אין די ע' לשון; "היא ראמת ע' קלין!".

ווייטער ווייזט אוים, אז דער רבי מיינט, אז מען דארף טאקע שרייען[נא]; דא ווייזט אוים, אז די נפש שרייט, די נפש שרייט - כאטש דער מענטש פילט נישט; די נפש שרייט!

'זי' שרייט!; די מרירות וואס די נפש האט דערפון; און וואס די שכינה הקדושה האט! [אין תורה כ"ג, זאגט דער רבי, אז די שכינה שרייט צוויי מאל ע' קלין אויף די וואס פאלן אריין אין תאוות ממון]; די נפש שרייט עפעס ארוים קולות. לויט ווי דער רבי זאגט דא, אז וואו א נפש שרייט - דארפן מיר אויך שרייען.

❖

# "אם לא יגיד"

עם שטייט טאקע אין זוהר הקדוש - אין ויקרא[נב] (על הפסוק:) "וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא [וְשָׁמְעָה קוֹל אָלָה וְהוּא עֵד אוֹ רָאָה אוֹ יָדָע אִם לוֹא יַגִּיד וְנָשָׂא עֲוֺנוֹ"]. זאגט דער זוהר: [קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא תּוֹהֵא עָלֵיהּ -] אזוי ווי ער פארוואונדערט זיך: 'נפש כי תחטא' - א נפש זאל זינדיגן? 'ושמעה קול אלה' - דו האסט דאך געהערט די שבועה וואס מען האט דיר באשוואוירן!

[נא] עיין בסוף התורה, מכת"י רבינו שכתוב שם: "וכשצועק לאלקים כמו שכתוב (תהלים מ"ב): "כן נפשי תערג אליך", וצועק שבעין קלין 'לא פחות', אזי נפתחין לו סודות התורה, דמטמרין מגליין לה, ומוליד נפשין חדתין".

[נב] דף יג:, וזל"ש: "כַּד מָטוּן יוֹמוֹי לְאִסְתַּלְּקָא מִן עָלְמָא, קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא תּוֹהֵא עָלֵיהּ, וְאוֹמֵר: וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחְטָא (ויקרא ה, א)? וְשָׁמְעָה קוֹל אָלָה - וְהָא אוֹמֵינָא לָהּ בְּאוֹמָאָה דִּשְׁמִי דְּלָא לְשַׁקְּרָא בִּי, וַאסְהֲדִית בָּהּ כַּד נַחְתַּת לְעָלְמָא, וְהוּא עֵד וַדַּאי מִכַּמָּה זִמְנִין דְּאַסְהֲדִית בָּהּ לְנַטְרָא פִּקּוּדֵי. בְּגִין כַּךְ, הוֹאִיל וּבַר נָשׁ הוּא עֵד, בְּשַׁעֲתָא דְּיֵתוּב קָמֵי מַלְכָּא "אוֹ רָאָה אוֹ יָדָע" - "אוֹ רָאָה", אִינּוּן חוֹבִין דְּעָבַד וְאִסְתַּכַּל בְּהוּ. "אוֹ יָדָע" בְּבִירוּרָא דְּמִלָּה דְּעָבַר עַל פִּקּוּדָא דְּמָארֵיהּ, "אִם לֹא יַגִּיד" - אִם לָא יוֹדֵי עָלַיְיהוּ קָמֵי מָארֵיהּ, כַּד יִפּוּק מֵהַאי עָלְמָא, "וְנָשָׂא עֲוֺנוֹ". וְכַד יִשָּׂא עֲוֺנוֹ, הֵיאַךְ פַּתְחִין לֵיהּ פִּתְחָא, וְהֵיאַךְ יְקוּם קָמֵי מָארֵיהּ, וְעַל דָּא "נֶפֶשׁ כִּי תֶחְטָא" כְּתִיב (ויקרא ד): "נֶפֶשׁ כִּי תֶחְטָא".

- אז די נשמה גייט אראפ, באשווערט מען דאך איר זי זאל נישט זינדיגן[נג]; דו האסט דאך געהערט דעם 'קול אלה'; 'והוא עד [או ראה']' - ער אליין איז דער עדות, דו האסט געזעהן.

זאגט ער: 'אם לא יגיד' - אויב ער וועט נישט האבן קיין ווידוי דברים, דעמאלט **'ונשא עונו'!**

אז 'אותי עזבו' - קען שוין זיין א נפש זאל זינדיגן אויך; דער עיקר שורש, דער עיקר נקודה איז, אז ער האלט זיך מיט דעם אות; טאמער חלילה לאזט ער אפ דעם אות, קען שוין זיין אז ער זאל זינדיגן אויך.

❖

## אין אדם עובר עבירה...

דער רבי ברענגט דארט אין די תורה פון "כי מרחמם ינהגם"[נד], די גמרא: "אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות". זאגט דער רבי דארטן, ווי קומט דאס טאקע - א איד איז דאך אזוי איידל "ואין עוון שייך להם כלל כלל לא" - ווערליג די 'רוחניות ודקות של ישראל' איז גארנישט שייך צו אים קיין שום עוון, איז ווי קומט טאקע אז ער זאל זינדיגן?!

זאגט דער רבי דארטן: דאס איז אלץ ווייל ער לאזט אפ דעם דעת; אז ער האלט דעם דעת, איז ער טאקע מקושר צום שורש, איז 'אין עוון שייך לו כלל כלל לא'; נאר אז ער לאזט אפ דעם דעת, קען שוין זיין -

די גמרא פרעגט די קשיא: ווי קען זיין א מענטש זאל טאן אן עבירה? ער איז דאך אזוי איידל, אזוי הייליג, זיין שורש איז דאך אזוי - ווי קען זיין ער זאל טאן אן עבירה?

---

[נג] גמ' נדה ל:

[נד] ליקוטי מוהר"ן תניינא, אות ג', ושם: "מי שיודע קדושת ישראל מאַיִן הם לקוחים, ויודע רוחניות ודקות של ישראל - הוא יודע, שישראל הם רחוקים לגמרי מעוון, ואין עוון שיך להם כלל כלל לא, לפי גודל קדושתם משרשם וגודל דקותם ורוחניותם! ...ובאמת, מהיכן באים לעוונות, חס ושלום? הוא רק על ידי שאין לו דעת, כי 'אין אדם עובר עברה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות' (סוטה ג)!".

נאר ווייל 'נכנס בו רוח שטות', לאזט ער אפ דעם דעת, קען שוין זיין. אבער אז ער האלט דעם דעת, איז ער דאך מקושר צו זיין שורש, איז 'אין עוון שייך כלל לא'[נה].

דאס איז אלץ דער כח הצדיק; דורך דעם צדיק', מיט די הייליגע ספרים, מיט די אלע עצות, מיט חברים, איז מען מקושר צום דעת; דאן גייט נישט אריין קיין רוח שטות, טוט ער טאקע נישט קיין עבירות.

מיר פארגעסן אונזער שורש פון וואנעט מיר זענען איינגעווארצלט; מיר פארגעסן אז מיר זענען ברוך השם שייך צו א נקודה פון דעם צדיק, מיר ווערן אנגערופן 'על שם רבינו' - דאס איז אויך א הייליגער שורש, מיר פארגעסן דאס אויך; און מיר פארגעסן אז מיר זענען אין ארץ ישראל אויך, **מיר פארגעסן אז מיר זענען אין ארץ ישראל!!!**

❖

ר' אברהם ר' נחמן'ס - ווען ער האט גערעדט, האט ער גערעדט: 'מיר וואוינען אין ארץ ישראל - אז מען פארגעסט אז מיר זענען אין ארץ ישראל!'

---

[נה] עי' בספה"ק ישמח משה, נצבים, בד"ה "עוד יתבאר: אתם נצבים" וכו', בא"ד, וזל"ק: "והנ"ל בזה, דכבר כתבו הספרים הקדושים קושיא גדולה וחזקה על עוברי עבירה, והוא תמיה קיימת דלית לה פריקו ולית נגר ובר נגר דיפרקינה, והוא - אם אתה עושה עבירה, קשה ממה נפשך - איך תחשוב: אם אתה מאמין באמת שהאל יתברך רואה אותך, איך אתה עזות פנים גדול כל כך שאתה יודע שמלך מלכי המלכים הקב"ה רואה אותך והוא עומד אצלך ואתה עושה כך? הלא אם היה כאן איזה אדם, ומכל שכן אדם חשוב ודאי לא עשית זאת בפניו בשום אופן, ואיך תעשה זאת לפני מלך גדול ונורא אשר כל דיירא ארעא כלא חשובין קמיה, ואיך אימתך לא תבעתך?; ואם תחשוב שאינו רואה, זה קשה מן הראשון שאתה כופר בעיקר האמונה, ומי הוא זה אשר בשם ישראל יכונה שלא ימסור נפשו למיתות קשות כדי שלא יכפור בעיקר?! והן אמת כי הם דברי הרמב"ם, והביאו זקיני הרמ"א ז"ל בסעיף ראשון משו"ע או"ח (סי' א, סעי' א') שויתי ד' לנגדי תמיד (תהלים טז, ח), הוא כלל גדול, עיי"ש. והנה מה אעשה כי יקום אל וכי יפקוד בזו הקושיא ומה אשיבנו, ובלי ספק נהיו נשאלים. ומצורף לזה דברי הזוה"ק פר' נח (זוהר ח"א, סא.) הובא בספר דרך חיים מלוקט משל"ה בפרשת נח: ר' חייא פתח ואמר "אם יסתר איש במסתרים" כו' (ירמיה כג, כד), עיין שם. והנה אין ישוב לזה הקושיא, רק מה שאמרו חז"ל (סוטה ג.) אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, ובודאי כוונת רז"ל הוא משום זו הקושיא, דבלא רוח שטות אי אפשר לשום בר דעת לעבור עבירה משום זו הקושיא, רק שנכנס בו רוח שטות ועל שוטה אין קושיא, ובאמת בשעת עבירה שוכח מכל זה, ואין נותן על לבו כלל שהשי"ת רואה, ואינו כופר רק ששוכח מכל וכל, ואם כן לפי זה קלקולו זה תקונו אף אם עבר עבירה במזיד, מכל מקום הוי בשוגג לפי שהיה שכוח שהשי"ת רואה והשגיח עליו בעת ההוא, אבל אם היה זכור בזה ודאי לא היה עושה, אם כן מצד זה הוי שוגג ומוטעה ושכוח מהעיקר", וכו' עייעו"ש.

דער רבי זאגט אין תורה מ"ז[נו]: אז ארץ ישראל איז די זאך פון תפילין; אז מען איז אין ארץ ישראל, לייגט מען תפילין! תפילין איז דאך אסור בהיסח הדעת - פון תפילין טאר מען נישט מסיח דעת זיין...

אז מען ווייסט אז מען איז אין ארץ ישראל, און מען ווייסט אז מען ווערט אנגערופן 'על שם דעם רבי'נס נאמען', און מען ווייסט אז מען איז מושרש אין די ע' נפש - אין די ע' פנים של תורה - אז מען געדענקט דאס, איז טאקע נישט קיין 'תחטא' - זינדיגט מען נישט!

די משנה זאגט: "האומר אחטא ואשוב"[נז] - לאזט מען נישט מן השמים ער זאל טאן תשובה. אז ער איז זיך סומך אויף די תשובה - 'איך וועל טאן תשובה - עס איז דאך דא תשובה, איך מעג דאך דערווייל זינדיגן' - מן השמים לאזט מען נישט ער זאל טאן תשובה.

קומט דאך עפעס אויס, אז די תשובה מאכט אים זינדיגן - 'ווייל עס איז דא תשובה מעג איך דאך זינדיגן'.

דאס אייגענע ביי יום כיפור אויך; "אחטא ויום הכיפורים מכפר" - קומט דאך אויס אז ער איז זיך סומך אויף יום כיפור - דערפאר 'אים' איז יום כיפור נישט מכפר; דער אויבערשטער האט געגעבן א יום כיפור אז דו זאלסט זינדיגן?!

(כשנדמה לאדם:) 'ווייל עס איז דא א יום כיפור, מעג איך דאך זינדיגן, איך האב דאך א טאג וואס איז מכפר' - קומט דאך אויס אז יום כיפור מאכט אים זינדיגן; ווייל עס איז דא תשובה, מעג איך דאך זינדיגן - עס איז דאך דא תשובה' - מאכט אים די תשובה זינדיגן - איז אים לאזט מען נישט מן השמים ער זאל טאן תשובה; אים איז יום כיפור נישט מכפר - 'דער אויבערשטער האט נישט געגעבן קיין יום כיפור כדי ער זאל זינדיגן'[נח].

---

[נו] וזל"ש: "ואנחנו בני ישראל, מקבלין השפע דרך ארץ ישראל. ושפע ארץ ישראל, היא הארת פני יעקב, הארת התפלין".

[נז] גמ' יומא פה:

[נח] עי' בליקוטי הלכות סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד, מ"ב: "ועל כן העוונות נתהפכין לזכיות על ידי התשובה, כי הכל על ידי בחינה הנ"ל, אבל בודאי אסור להאדם לסמוך על זה, חס ושלום, כי האומר אחטא ואשוב, אין מספיקין בידו

# "עכשיו"

די ענין פון אידישקייט דאס איז א (גאנצע) משא ומתן; מיר זענען דאך נישט קיין סוחרים, מיר האנדלען נישט; אבער דאס איז אויך א משא ומתן, עס איז א משא ומתן.

וואס איז א משא ומתן? ער האט הכנסות, ער האט הוצאות, ער גיט אוים, ער פירט חשבונות - 'ער' זאל נישט אפנארן און מען זאל 'אים' נישט נארן - א משא ומתן. א גאנצער משא ומתן דארף מען האבן מיט אים (מיטן בעל דבר), ווארום ער שווייגט נישט, ער גייט, ער גייט.

טאמער מיינט מען אז מען וועט זיך פארלאזן אויף דער עלטער? שקר וכזב! אויף דער עלטער איז נאך ערגער; אין די יונגערע יארן האט ער כאטש כוחות, קען ער גיין גיכער, קען ער כאטש אויפשטיין, קען ער לויפן גיכער – אויף דער עלטער - ער קען שוין שלעפן די פיס, ער קען שוין גארנישט רירן זיך, גארנישט. עס איז שקר וכזב - אויף דער עלטער קען ער גארנישט טאן!

און ווידער, איז דען שייך עלטער?! מען ווייסט דען וויפיל? מען האט א קאנטראקט? מען ווייסט וויפיל? וואספארא עלטער?

לעשות תשובה. וזהו 'אין מספיקין בידו' דייקא, כי בודאי גם האומר אחטא ואשוב וכו' אם אף על פי כן עושה תשובה אחר כך בוודאי מועיל לו תשובה, כי אין לך אדם שעומד בפני התשובה, רק שאין מספיקין בידו לעשות תשובה, כי מאחר שאמר אחטא ואשוב, נמצא, שסמך עצמו לכתחילה על בחינת ההנהגה שלמעלה לבד, שמשם תיקון התשובה כנ"ל. ועל כן ענשו מדה כנגד מדה, שאין מספיקין בידו ואין מסייעין לו מלמעלה לעשות תשובה, אבל אם בעצמו יתגבר את עצמו לעשות תשובה, בוודאי יועיל לו, רק שקשה לו לשוב, מאחר שאין מסייעין לו כל כך מלמעלה", עייעו"ש.

- דער רבי זאגט אין די תורה פון "היום אם בקולו תשמעו"[נט] - "היום"! פלעגן אונזערע לייט זאגן: דער 'עכשיו' איז נאך מער ווי 'היום'; היום איז א גאנצער טאג - עכשיו איז 'די רגע'![ס]

"היום" איז - איך האב נאר 'היום' - איך האב נאר דעם היינטיגן טאג; 'עכשיו' איז נאך מער; היום האב איך א גאנצן טאג - וועל איך פארנאכט, פאר מנחה, זיך באטראכטן.

'עכשיו' - יעדע רגע איז 'עכשיו', 'עכשיו'!

ווארום אז מען לאזט אפ דעם 'עכשיו', לאזט מען אפ א טאג און מען לאזט אפ אלע יארן; אז ביי מיר איז נישט חשוב - ווען איך דערמאן זיך - דער 'איצטער'; ווען איך קען ארויסכאפן עטליכע מינוטן - איז ביי מיר נישט חשוב, איז ביי מיר קיין טאג אויך נישט חשוב.

עס קען נישט זיין אין דער וועלט א מענטש וואס עס איז אים חשוב א טאג - זאל ביי אים קיין מינוט נישט זיין חשוב!

פארוואס איז עס א טאג? א טאג האט טויזענטער מינוטן; אויב עס איז מיר חשוב א טאג, קען נישט זיין עס זאל נישט זיין חשוב קיין מינוטן; אויב ביי מיר איז קיין מינוט נישט חשוב, איז מיר קיין טאג נישט חשוב!

---

[נט] ליקוטי מוהר"ן סי' רע"ב, וזל"ש: "היום אם בקולו תשמעו" (תהלים צה), זה כלל גדול בעבודת השם, שלא ישים לנגד עיניו כי אם אותו היום, הן בעסק פרנסה והצטרכותו צריך שלא יחשוב מיום לחבירו כמובא בספרים, וכן בעבודתו יתברך לא ישים לנגד עיניו כי אם אותו היום ואותו השעה. כי כשרוצין ליכנס בעבודת ה', נדמה להאדם כאילו הוא משא כבד, ואי אפשר לו לישא משא כבד כזו. אבל כשיחשוב שאין לו רק אותו היום, לא יהיה לו משא כלל, וגם שלא ידחה את עצמו מיום ליום, לאמור מחר אתחיל, מחר אתפלל בכוונה ובכח כראוי, וכיוצא בזה בשאר העבודות, כי אין לאדם בעולמו כי אם אותו היום ואותו השעה שעומד בו, כי יום המחרת הוא עולם אחר לגמרי. היום אם בקולו תשמעו, 'היום' דיקא, והבן".

[ס] עי' שיח שרפי קודש - ח"ו, רל"ג: אמרו אנשי שלומנו לענין הזריזות הנדרש בעבודת ה', שאין לו לאדם אלא אותו הרגע שעומד בו, ואין שייך בה שום דחיה לומר למחר אתפלל, ולמחר אלמד וכדומה. וכמו שאמרו רז"ל (אבות ב, ד) אל תאמר לכשאפנה אשנה שמא לא תפנה. וכן אמרו (עירובין כב). "למחר" לקבל שכרם. כשהמכוון בתיבת "למחר" הוא לעולם הבא ולעתיד לבוא, כי אין לנו בעבודתנו במצות ומעשים טובים כפי יכלתו, ויותר מכך, רק את בחינת "ועכשיו", עכשיו ממש. לחטוף אותו רגע שעומד בו, למלאותו בתורה ותפלה ומעשים טובים כפי יכלתו ויותר מכך. וכן מרגע לרגע ומעכשיו לעכשיו. (וכמבואר היטב בליקו"מ תו' רע"ב על הכתוב היום אם בקולו תשמעו, עיי"ש).

פון וואנעט נעמט זיך אז דער מענטש גיט אוועק דער וועלט איבער תאוות? (כי האדם חושב:) 'איך האב נאך (ממילא) זיבעציג יאר צו לעבן, איך האב נאך זיבעציג יאר תענוגים, אכציג יאר, זיבעציג יאר' - און דערפאר ווייל ער האט אזא גרויסן זמן, איז ביי אים זעהט זיך נישט אן - ער וועט אוועקגעבן דארט א האלבע שעה (לבטלה), ער וועט אוועקגעבן א שעה, ער וועט אוועקגעבן א צעהן מינוט, ער וועט אוועקגעבן פופצן מינוט, (בחשבו:) 'וואס איז דען דאס? איך האב דאך צו לעבן נאך א זיבעציג יאר, אכציג יאר' - אט דאס איז פאלש.

אויב ביי א מענטשן איז חשוב 'זיבעציג יאר', און ער ווייסט אז נאך זיבעציג יאר דארף ער אוועקגיין, נאך אכציג יאר, ניינציג יאר - איז ביי אים יעדער מינוט חשוב; אידן וואס האבן אינזין געהאט דער תכלית, האבן זיי געהיט די רגע!

אפילו מען זאל לעבן טויזנט יאר - אז עס שטייט אין די תורה אז נח האט געלעבט ניין הונדערט פופציג יאר, און מתושלח האט געלעבט ניין הונדערט זיבן און זעכציג יאר - זענען זיי שוין אויך לאנג נפטר געווארן!

דאס אז דער מענטש זאל האבן דעם טעות, איז נאר דערפאר ווייל ער פארגעסט דאך דעם געדאנק - ער פארגעסט זיך אינגאנצן!

אויב שכחה[סא], איז נישט קיין נפקא מינה צו עס הויבט זיך אן ביי ניינציג יאר – צו עס הויבט זיך אן ביי דרייסיג יאר, ביי צוואנציג יאר; אויב מען לאזט אריין אין זיך א רעיון פון שכחה, איז נישט קיין נפקא מינה צו צוואנציג יאר, דרייסיג יאר.

❖

## "נשכחתי כמת מלב"

דער רבי זאגט: 'מען דארף זייער היטן דעם זכרון'! "שכחה", זאגט דער רבי, איז 'מיתת הלב'; ממילא איז שוין מיתה. א מענטש אז ער לאזט אפ דעם רעיון פון עלמא דאתי - דאס הייסט שוין מיתה, מיתת הלב.

[סא] ליקוטי מוהר"ן נ"ד, אות א': כי צריכין לשמור מאד את הזכרון, שלא יפול לשכחה, בחינת מיתת הלב. ועיקר הזכרון הוא לזכר תמיד בעלמא דאתי, שלא יהיה כדעתו, חס ושלום, שאין עולם אלא אחד!, וכו', עיי"ש.

עס איז פארהאנען 'מיתת הגוף' און עס איז פארהאנען 'מיתת הלב' - דאס הארץ איז געשטארבן; דער גוף גייט ארום, עסט און טרינקט - און ער האט מיתת הלב. זאגט דער רבי: וויבאלד ער היט נישט אפ דעם זכרון פון עלמא דאתי, הייסט עס מיתת הלב, "נשכחתי כמת מלב"[סב]; שכחה איז מיתת הלב.

דוד המלך איז נישט געשלאפן קיין 'שיתין נשמי'[סג]. זאגט דער זוהר הקדוש: א 'חי מדבק בחיים'[סד]. דוד המלך איז געווען א 'חי', און 'שיתין נשמי' איז א בחינת מיתה; און דוד המלך האט קיינמאל נישט טועם געווען קיין טעם מיתה, "חי מדבק בחיים".

ער איז געווען א חי האט ער זיך מתדבק געווען בחיים, האט ער נישט געוואלט טועם זיין קיין טעם מיתה מִיָמיו, ווארום 'אין מת מדבק בחיים'; חי מדבק בחיים; ער איז געווען א חי, האט ער געהאט א שייכות מיט דעם 'חי עולמים' - א תענוג די לשונות אין (זוהר שם)...

[טאקע דער זוהר ברענגט אין אן אנדער ארט: "לא המתים יהללו קָה" - 'שאני הני דאיקרי חיים'![סה]]

אין די רגע וואס מען לאזט אפ דעם געדאנק פון (יענע וועלט), איז מען אין א בחינת מיתה.

❖

מען דארף רעדן צום אויבערשטן דיבורים! - דאס גוט ארייננקלאפן אין קאפ אריין - גוט ארייננרעדן דאס, עס זאל ווערן נקבע בלב: אז איך לאז אפ דעם געדאנק פון דעם אויבערשטן איז מען אין א בחינת מיתה.

און צו די אלע דיבורים דארף מען מצרף זיין - 'זיין בשמחה תמיד'! "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"[סו] - אז מען רעדט אזעלכע דיבורים קען מען דאך אריינפאלן

---

[סב] תהלים לא.

[סג] גמ' סוכה כו:

[סד] ויגש רז.

[סה] ח"ג, רפז:

[סו] ליקוטי מוהר"ן תניינא כ"ד.

אמאל אין א עצבות - נײַן; "מצוה גדולה להיות" - אז איך פועל ביי זיך איך זאל זײַן בשמחה תמיד, וועל איך דעם זכרון האבן בעסער; דער זכרון וועט זיך האלטן ביי מיר בעסער; פון עצבות ווערט שכחה, עצבות ברענגט צו שכחה[סז].

❖

## דעם אַטאָם!

דאס איז א משא ומתן! מיר זענען אלע אנשי 'משא ומתן', מען דארף האבן א משא ומתן - זיך ווארפן אויף אלע זייטן: הערן פון דעם רבי'נס דיבורים, רעדן צום אויבערשטן, און הערן פון א חבר, און מרבה זײַן בתורה ותפילה!

ער האט א משא ומתן - אזוי שטייט אין די הקדמה פון תיקונים[סח]: "הבא להרגך" - דאס איז דער יצר הרע, ער איז א 'בא להרגך' - ער קומט מיט טענות אלע טאג צום אויבערשטן - אויף יעדן איינעם איז ער מקטרג; און ר' יצחק בער[סט] האט נאך צוגעלייגט: 'ער גיסט טרערן אויך', ער קען וויינען אויך - דער 'בא להרגך'...

עס ווערט געבראכט אין ספרים, אז דער מקטרג קומט צוגיין מיט דמעות - ער איז מקטרג מיט דמעות, (אחד הנוכחים: עשיו האט געוויינט!) יא; איז די עצה - "השכם להרגו" - פעדער זיך; וואס פריער מען שטייט אויף -

...און ער איז שוין דא, ער איז שוין דא!

דאס אליין - די עצה פון דעם רבי'ן - 'אויסרעדן זיך פאר השם יתברך און דערציילן דעם אויבערשטן - 'אשפוך לפניו שיחי'' - דאס איז דאך א געוואלד - די עצה, עס איז דאך א געוואלדיגע עצה.

---

[סז] עי' 'ליקוטי עצות' - ערך 'שמחה', ע"פ ליקוטי מוהר"ן נ"ד, אות י"ג: "כל התאוות באים מכח המדמה, כח הבהמיות, והתגברותו הוא על ידי עצבות שהוא רוח נכאה, רוח רעה, ועל ידי זה התגברות השכחה, ששוכח תכליתו ואינו זוכר בעלמא דאתי, כראוי לזכר בכל יום בכלל ובפרט (כמו שכתוב ב'זכרון', אות ד'). ועל כן צריכין להתגבר להיות בשמחה תמיד, שעל ידי זה עקר הכנעת המדמה, ועל ידי זה יזכה לזכר בעלמא דאתי בכל יום!".

[סח] דף יא.

[סט] מטעפליק, מגדולי תלמידי מוהרנ"ת. הוא ואחיו ר' יקותיאל נולדו מברכתו של ר' יקותיאל המגיד מטירהאוויצע. גר בטירהאוויצע ואח"כ עבר לטעפליק. אפילו המתנגדים העידו עליו שהוא צדיק תמים. בעת זיקנתו אמר שבכל מקום שהוא פותח את הליקוטי מוהר"ן הוא רואה חידושים נוראים. נפטר בשנת תרי"ד ומנו"כ בטעפליק.

עס איז א געוואלדיגער 'כלי זיין' אנטקעגן אים! דעם קלאפ אז ער כאפט - כאפט ער נאר פון א ברסלב'ן חסיד - זיך אויסרעדן פאר השם יתברך און אלעס דערציילן דעם אויבערשטן!

די ברסלב'ע ח[ע]סידים - זיי קענען אים געבן די קלעפ; אנדערע - יא עס איז ערליכע אידן, אבער דעם קלאפ כאפן - אלעס דערציילן דעם אויבערשטן 'אשפוך לפניו שיחי' - פון א ברסלבער חסיד כאפט ער דעם קלאפ, ער רעדט אויס השם יתברך אלצדינג.

דער איז א מקטרג! ווער רעדט איצטער אָן התנגדות? אליץ ער, אליץ דער איינער, פארוואס? ווייל ער ווייסט אז אידן האבן דעם 'כלי זיין'; דעם 'אַטאָם' האבן אידן דורך דעם!

אז די ברסלב'ער חסידים האבן דעם 'כלי זיין', לאזט ער נישט ווערן מקורב - איז דא (מתנגדים), איז דא א בוידעם - ער דרייט, ווייל זיי האבן דעם כלי זיין צו רעדן צום אויבערשטן, און דאס איז אים א געוואלדיגער קלאפ.

דערציילן אלעס השי"ת - וואס אויף מיר גייט איבער, 'אשפוך לפניו שיחי'! דאס איז אים א קלאפ!

(רלוי"צ פונה להנוכחים:) פארוואס שוויגט איר? רעדט אויך עפעס אווארט! א בעל דרשן...

❖

## מעשה מבטחון

(ר' משה: ווען האט דער רבי דערציילט די מעשה פון בטחון[עא]?) מען ווייסט אז דער רבי האט דאס דערציילט; נאר 'ווען' ווייסט מען נישט.

---

[ע] עי' בספה"ק "ליקוטי עצות" - ערך 'תפלה' אות ב' (ע"פ ליקוטי מוהר"ן סי' ב'): "עיקר הכלי זיין של איש הישראלי הוא התפילה, וכל המלחמות שצריך האדם לכבש הן מלחמת היצר הרע הן שארי מלחמות עם המונעים והחולקים הכל על ידי תפילה ומשם כל חיותו. על כן מי שרוצה לזכות לקדושת ישראל באמת צריך להרבות בתפלות ובקשות ושיחות בינו לבין קונו, כי זה עיקר הכלי זיין לנצח המלחמה!".

[עא] נדפס בכמה דפוסים בסוף ספה"ק "סיפורי מעשיות"; ובשיח שרפי קודש ח"א, אות תקי"ד.

(ר' משה: ר' נתן האט דאס געדרוקט?) **דער רבי האט דערציילט די מעשה - 'ווען' און 'וואס' ווייסט מען נישט; איך האב יא געהערט עפעס, אבער דאס איז נישט זיכער.**

(אחד הנוכחים: עס שטייט, דאכט זיך מיר, תקס"ו) **עס איז נישט זיכער.**

(השואל: דער רבי האט עס דערציילט, אדער ער האט דאס געשריבן?) **דער רבי האט דאס דערציילט; 'ווען' און 'ווי אזוי' און 'וואס' - ווייסט מען נישט, איך האב שוין אסאך מענטשן געפרעגט; מען ווייסט נאר אז דער רבי האט דערציילט די מעשה.**

❖

## "ביום ההוא אבדו אשתנותיו"

(ר' משה: ווער איז דער וואס האט געזאגט 'עשתונותיו', דאס איז ר' ישראל לייב מבאפאליע, דער וואס האט געוואלט זיין - ?) **יא יא.**

(ר' משה: עס איז אויף אים א גאנצע מעשה דא![עב]) **יא יא, אלעם ווייסטו - דו ווייסט אלצדינג**

(ר' משה: איר האט עס דערציילט פאר צוויי וואכן צוריק).

(ר' משה: זיי שרייבן דא אז ער פלעגט דאווענען - און א גאנצע נאכט זיין ביים ציון - ) **ער איז געווען א גרויסער עובד[עג].**

(ר' משה: זיינע קינדער האט איר נאך געקענט?) **ניין!** (ר' משה: ר' אשר[עד]!) **ער האט אים נאך געקענט - יוחנן** (גאלאנט).

(ר' משה: און זיי זענען געווען אלע ברסלב'ער חסידים?) **יא!**

**'באפאליע' - דאס איז לעבן אדעס, עס איז נישט ווייט פון אדעס. אז מען פארט אויפן וועג פון אדעס קיין אומאן, פארט מען דורך באפאליע.** (ר' משה: מיטן באן? אדער מיט אן אויטא?) **מיט די באן פארט מען דורך באפאליע; מיט אן אויטא ווייס איך נישט.**

(ר' משה: עס איז א גרויסע שטאט?) **א שטאט.**

---

[עב] עי' אבניה ברזל, שו"ס מרבי נחמן טולטשינער, אות ס"ו; ובשיח שרפי קודש (ישן) ח"ג, אות ש"ו.

[עג] "ער האט געקענט ר' נתן'ען, עס איז דא אסאך צו רעדן פון אים, ער איז געווען א געוואלדיגער עובד ה' - דער ר' ישראל לייב, ער פלעגט דאווענען שעה'ן שעה'ן, א גרויסער עובד ה'". (רלוי"צ. טייפ, אדר תשל"ח)

[עד] בנו של ר' אשר, 'פיניע', היה חתן ר' אייזיק אייזנשטיין.

"ביום ההוא אבדו עשתונותיו" יעדער האט זיך געדאנקען - אזוי, אזוי - "אבדו עשתונותיו"![עה]

דער רבי האט געוואלט אז דעם ישוב הדעת זאל מען האבן ביים לעבן! דעמאלט (בעת פטירתו) איז "אבדו עשתונותיו" - אלעס גייט אוועק!

(השואל: ער האט אפאר מאל איבערגע'חזר'ט "אבדו עשתונותיו"?) יא, ער האט זיך אפגעשטעלט (לא ברור).

איי איי, יעדער איינער איז זיך מורה היתר, אזוי אזוי - "אבדו עשתונותיו"!

צו האבן דעם אמת'ן ישוב הדעת וואס מען דארף האבן, דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן מען זאל ארויסכאפן דעם ישוב הדעת[עו]; דאס וועט שוין מאכן אזא מין שינוי, עס מאכט גאר אן אנדערן סדר - דער ישוב הדעת!

❖ ❖ ❖

(ר' משה: ר' יצחק האט זיך שבת אנגעשפארט אויפן טיש. האט אים ר' נתן געזאגט: שבת זיצט מען גלייך[עז]?) איך ווייס נישט, איך האב נישט געהערט.

❖ ❖ ❖

(ר' חיים שלמה שואל - לא ברור וע"ז עונה רלוי"צ:) דער וואס האט געוואלט נעכטיגן ביי ר' נתן'ען אין חדר (כדי צו זעהן זיין עבודה), דער איז געשלאפן! ר' נתן האט אים פארשלעפערט![עח].

---

[עה] עי' שיח שרפי קודש ח"ג, תי"ד: "אנ"ש שהכירו את רבי ישראל ליב מבאפאליע, שהיה מהעובדי ה' הגדולים עוד בזמן מוהרנ"ת, סיפרו שהיה מתפלל בכוחות ובהתלהבות עד להפליא וכשהיה מגיע לתיבות: "ביום ההוא אבדו עשתונותיו" שבפסוקי דזמרה שבתפלת שחרית, היה חוזר עליו הרבה, עד שהזדעזעו מפחד יום הדין כל השומעים אותו".

[עו] עי' שיחות הר"ן מ"ז.

[עז] כך נדפס באבניה ברזל. ר' יִצְחָק זַ"ל יָשַׁב לִפְנֵי אָבִיו מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ אֵצֶל הַשֻּׁלְחָן וְנִשְׁעַן בְּיָדוֹ עַל הַשֻּׁלְחָן. אָמַר לוֹ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בְּשַׁבָּת זִיצְט מֶען גְּלַייְך (בְּשַׁבָּת יוֹשְׁבִים יָשָׁר).

[עח] עי' שיח שרפי קודש ח"ב, רי"ב: סיפר רבי נחמן בן רבי עוזר, שמוהרנ"ת ז"ל לעת זקנותו, הקפיד דייקא שלא ילון יחידי על ה"אויבער שטיבל" (- עליית הבית), ואותו גדל מוהרנ"ת אחר פטירת אביו, ובהיותו נער היה לקחו מוהרנ"ת ללון עמו ובכל פעם היה מתפאר, שעתה יזכה לשמוע איך שאומר מוהרנ"ת תיקון חצות, ולראות עבודתו שאחר חצות, ועשה במכון בשכבו על מטתו עצר עצמו בכל כוחו לבלי להירדם עד שעת חצות, ואז קם מוהרנ"ת זכרונו

(ר' משה: איר האט געהערט פון דעם אז ר' פנחס יהושע פלעגט זיין דארטן, איינמאל איז ר' פנחס יהושע געוועזן, האט אים ר' נתן עפעס געזאגט?) **זאלסט זיך פארבאהאלטן אזוי ווי דיין טאטע האט זיך פארבאהאלטן!**[עט].

❖

(לא ברור. מדברים משיחה מ"ז, בשיחות הר"ן)

**"עס איז אויף אים א גרויסער רחמנות - ער וועט אפילו קיין ערנסט בענטשן שוין נישט קענען!"**[פ].

❖ ❖ ❖

## 'שעה' או יותר?

(ר' משה: דארטן[פא] ברענגט דער רבי טאקע אז מען זאל האבן אלע טאג א שעה חרטה האבן, דאס מיינט מען א 'שעה' שברון לב?) **איך ווייס? מסתם...**

---

לברכה וניגש אליו ושאל אותו: מדוע אינך ישן? וכיסה אותו באיזה בגד, ותיכף נפל עליו שינה, וישן עד הבוקר, וכן היה כמה לילות. (אבני"ה ברזל).

[עט] עי' שיח שרפי קודש (ישן) ח"ג, תי"ח: לאחר פטירתו של רבי יצחק אייזיק יוסף ז"ל, דאג מוהרנ"ת לבניו היתומים, ולקח את בנו רבי פנחס יהושע וגידלו בביתו, והיה ישן אצלו בעלייתו, כי מוהרנ"ת היה שוהה רב הזמן בעליה שבביתו, ולא רצה לישן לבדו, וסיפר שפעם השתדל והתאמץ להיות ניעור כדי לראות ולהביט בסדר הנהגתו ועבודתו של מוהרנ"ת לאחר חצות הלילה, כשהבחין בזה מוהרנ"ת, ניגש אליו ואמר לו: מחביא אתה את עצמך ממני, החבא כאביך שהתחבא והעלים את עצמו. **"דו באהאלסט זיך פון מיר, באהאלט זיך ווי דיין טאטע האט זיך באהאלטן"**. כי היה רבי יצחק אייזיק יוסף צדיק גדול ועובד ה' מפלג, והיה נסתר מאד.

[פ] עיין שיחה מ"ז: הוכיח את אחד מאנשים כאלו שהתאוה להיות מפורסם ואמר לו: **הלא לא תוכל אפלו לברך ברכת המזון באמת. כי תצטרך בכל מעשיך לכון שיתקבלו מעשיך בעיני בני אדם ולא תוכל לעשות שום עבודה קלה לשם שמים.**

[פא] שם בתחילת השיחה, וזל"ש: **"צריך לזה זכיה גדולה שיזכה לישב עצמו שעה אחת ביום ושיהיה לו חרטה על מה שצריכין להתחרט!"**.

(ר' משה: דאכט זיך אז אין דעם אנדערן חלק, אין תורה כ"ה, ברענגט דער רבי: "שעה או יותר, ושאר כל היום יהי' בשמחה"[פב]; און אין לקוטי עצות (התבודדות, אות כ"ג), שטייט "איזה שעות ביום"[פג]; און אין לקוטי תפילות אין די אנדערע חלק, תפילה כ"א, שטייט מען זאל זיין א גאנצן טאג בשמחה, ווייל שברון לב מעג מען האבן נאר איין שעה[פד]; און אין די אנדערע תפילה, תפילה כ"ב, שטייט מען זאל זוכה זיין צו מבלה זיין "רוב היום והלילה" אויף התבודדות[פה], גלייך א תפילה דערנאך; און אין ליקוטי עצות דא (התבודדות, אות י"ג), שרייבט ר' נתן אויך "מען זאל זיך קובע זיין אויף עטליכע שעות, אלץ אויסרעדן פאר'ן אויבערשטן, תפילות ותחנונים"[פו]. שפעטער שרייבט ר' נתן אויך (שם סוף אות י"ג; ובאות ט"ז): "ע"כ דארף יעדער איינער זעהן ער זאל האבן א שעה קביעות". אויף די תורה 'אז מען זאל נישט האבן שברון לב, נאר א שעה' - שרייבט ר' נתן שפעטער: "עטליכע שעות שברון לב", דא שרייבט ער אויך "איזה שעות ביום שיפרש שיחתו לפני השי"ת". די שאלה איז: וואו עס שטייט א 'שעה', מיינט א שעה אויפן זייגער, אדער ער מיינט א 'שעה צייט', און דאס וואס שטייט "יבלה רוב היום והלילה" אויף התבודדות?) **עס איז דא פארשידענע מענטשן** (וואס זיי קענען) **אסאך שעה'ן, גאנצע נעכט, גאנצע ווינטער נעכט. אין רוסלאנד איז א ווינטער נאכט, פון חצות עלף אזייגער ביז טאג איז שוין אכט אזייגער, עס איז שוין ניין שעה צייט, אזעלכע מענטשן איז געווען וואס זיי האבן געקענט האבן אזא נאכט.**

(ר' משה: און געשריגן א גאנצע נאכט, נישט נאר דורכגערעדט, עס קען זיין התבודדות וואס סתם מען רעדט זיך דורך - ) **ניין, עס איז דא חילוקים, נישט ביי יעדן איינעם איז גלייך.**

(ר' משה: די שאלה איז, עס איז נישט קיין ריבוי אור אז מען איז מרבה בשברון לב מער ווי א שעה אדער צוויי?) **"ישבר לבו" מיינט מען התבודדות. אז דער רבי זאגט: "מצוה גדולה להיות**

---

[פב] וזל"ש: "ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל! דהיינו לקבוע לו על כל פנים שעה או יותר להתבודד לבדו באיזה חדר או בשדה, ולפרש שיחתו בינו לבין קונו בטענות ואמתלאות בדברי חן וריצוי ופיוס, לבקש ולהתחנן מלפניו יתברך, שיקרבו אליו לעבודתו באמת. ...ואת כל אשר עם לבבו ישיח ויספר לפניו יתברך, הן חרטה ותשובה על העבר, והן בקשת תחנונים לזכות להתקרב אליו יתברך מהיום ולהלאה באמת, וכיוצא בזה כל חד לפום דרגיה. ויזהר מאד להרגיל עצמו להתמיד בזה מדי יום ביום שעה מיוחדת כנ"ל, ושאר היום יהיה בשמחה!".

[פג] וזל"ש: "על כן צריכים ליחד לו איזה שעות ביום לפרש שיחתו בלב נשבר, ואז לבד יהיה לו לב נשבר, ושאר כל היום יהיה בשמחה!".

[פד] וזל"ש: "כי כבר לימדתנו שעל זה צריכין לייחד שעה אחת ביום, לשבר לבנו ולפרש שיחתנו לפניך על כל מה שעבר עלינו, אבל כל היום כולו צריכין להתחזק בשמחה, ולהכריח עצמנו בכל כוחותינו לבא לשמחה גדולה שהוא עיקר קדושת ישראל!".

[פה] וזל"ש: "רבונו של עולם, עזרני לפרש כל שיחתי לפניך בכל יום ובכל עת תמיד זכני והושיעני שאזכה להרבות בשיחה ביני לבין קוני, עד שאזכה לבלות רוב היום והלילה על ענין זה כל ימי חיי!".

[פו] וזל"ש: "כבר מבואר, שהתבודדות הוא מעלה גדולה ודרך נכון וישר מאד להתקרב על ידי זה לשם יתברך. וצריך כל אחד לקבוע לו על זה איזה שעות ביום, שיפרש שיחתו לפני השם יתברך בלשון!".

בשמחה תמיד", די שעה שברון לב טאר אויך נישט זיין מיט קיין עצבות. עצבות איז נישט קיין שברון לב - עצבות און שברון לב איז צוויי באזונדערע זאכן[פז]; עצבות איז תשעה באב; און שברון לב איז יום כיפור.

די אייגענע ה' עינוים וואס איז דא אין תשעה באב, איז דא אום יום כיפור; און יום כיפור מאכט מען א ברכה בשם ומלכות אז מען האט דערלעבט דעם טאג; און תשעה באב איז תשעה באב.

ביי תשעה באב שטייט: "אֵבל יחיד עֲשי לך"; און יום כיפור - ר' נתן ברענגט אין א הלכה[פח], דאכט זיך מיר, פונעם אר"י הקדוש א לשון הזוהר: "דמיין למלאכים ממש"[פט] - אידן זענען דעמאלט גלייך צו מלאכים ממש; מלאכים עסן נישט. מיט אונזער נישט עסן פון יום כיפור זענען מיר גלייך צו מלאכים ממש; און תשעה באב איז א ענין פון 'אבל יחיד עשו לך'.

יום כיפור איז מען דאך מהדר צו גיין ריינע בגדים, בגדים לבנים, מען צינדט לעכט, מען מאכט דאך א ברכה "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" אז מען האט דערלעבט דעם טאג. שברון לב מיט עצבות איז דער היפך; אז מען האט שברון לב, קען מען זיך אויסרעדן פאר השי"ת; און ביי עצבות האט ער גארנישט קיין דיבורים[צ].

(השואל: איז די שעה התבודדות דארף מען אויך שמחה?) **יא!** (איז וואס הייסט 'ושאר כל היום' יהיה בשמחה?) 'נאר' בשמחה - אָן שברון לב. דער רבי זאגט דאך אין תורה י', אין דעם אנדערן חלק[צא], אז צוקומען צו ישוב הדעת (התבודדות), איז נאר דורך שמחה, נאר דורך שמחה; עס קען נישט זיין קיין ישוב הדעת - נאר דורך שמחה!

---

[פז] עי' בשיחות הר"ן מ"ה: "אחר לב נשבר בא שמחה, וזה סימן אם היה לו לב נשבר כשבא אחר כך לשמחה".

[פח] עי' ליקוטי הלכות גיטין ה"ג, כ"א-כ"ב; ובהלכות יבום ה"ג, ט'-י'.

[פט] עי' זוה"ק תצוה קפ"ה:

[צ] עי' שיחות הר"ן מ"ב: "עצבות הוא כמו מי שהוא בכעס וברוגז כמו שמתרעם ומתלונן עליו יתברך חס ושלום על שאינו עושה לו רצונו. אבל לב נשבר הוא כבן המתחטא לפני אביו כתינוק שקובל ובוכה לפני אביו על שנתרחק ממנו וכו' ועי' במקום אחר מזה".

[צא] וזל"ש ע"פ ספה"ק ליקוטי עצות - ערך 'שמחה', אות כ"ז: "על ידי מרה שחרה ועצבות, המח והדעת בגלות וקשה לו לֵישב דעתו לשוב אל ה', ומחמת זה הוא רחוק מהשם יתברך. כי עיקר מה שהעולם רחוקים מהשם יתברך הוא מחמת שאינם מישבין עצמן היטב, מה התכלית מכל העולם. אבל על ידי שמחה, המח מיושב ויכולין לישב עצמו

"ב'שמך י'גולון כ'ל ה'יום", "עיקר מעלת הבכיה כשהוא מתוך שמחה"![צב] "בשמך יגולון כל היום" איז ר"ת "בכיה"; עס איז פארהאן עפעס אזא מין עבודה, וואס דער מענטש 'מחמת גודל השמחה' גייט אים ארויס טרערן.

מען זעהט אמאל א ברודער, א טאטן, מען האט אים נישט געזעהן לאנג - 'מגודל השמחה' גייט טרערן; "עיקר מעלת הבכיה כשהוא מתוך שמחה". "בשמך יגולון כל היום" - דער פסוק שטייט דאך ביי ראש השנה - און "עיקר מעלת הבכיה כשהוא מתוך שמחה"[צג].

דער רבי זאגט אין א תורה[צד], אז 'עצבות איז עבודה זרה', "עצביהם"; קען מען האבן א שעה עבודה זרה? עצבות איז עבודה זרה! קען דען זיין מען זאל האבן א שעה התבודדות אין עבודה זרה? א שעה אין טאג מעג מען דינען עבודה זרה?!...

❖

## תיכף כשאדם רוצה...

(ר' משה: וואס איז טאקע דער פשט דארטן וואס דער רבי ברענגט[צה] אז א מענטש גייט אריין אין עבודת השם, אזי "תיכף היא עבירה גדולה כשיש לו עצבות ח"ו", נאר דעמאלט איז עס אן עבירה? עס שטייט צוויי מאל תיכף: תיכף כשאדם רוצה - - אזי תיכף היא עבירה, וואס איז תיכף היא עבירה? און שפעטער איז עצבות נישט קיין עבירה?) **א מענטש גייט אריין אין עבודת השם, איז דער שטייגער אז**

---

היטב, כי שמחה היא עולם החירות. ועל כן כשמקשר שמחה לדעתו, אזי דעתו בחירות ואינו בגלות, ויוכל להנהיג המח והדעת כרצונו, לישב דעתו היטב מה התכלית מכל ענייני העולם הזה. ועל ידי זה ישוב אל ה'".

[צב] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' קע"ה, וזל"ש: "עיקר מעלת הבכיה הוא כשהיא מחמת שמחה וחדוה ואפילו החרטה טוב מאד שתהיה מחמת שמחה, שמרוב שמחתו בהשם יתברך, הוא מתחרט ומתגעגע מאד על שמרד נגדו בימים הראשונים, ומתעורר לו בכיה מחמת רוב השמחה, וזה עיקר מעלת הבכיה, שתהיה מחמת שמחה, וזה בכיה הוא ראשי-תבות ב'שמך י'גילון כ'ל ה'יום (תהלים פ"ט) שעיקר הבכיה שתהיה מחמת שמחה בשמו יתברך!".

[צג] עי' גם שיחות הר"ן מ"ה: "אחר לב נשבר בא שמחה, וזה סימן אם היה לו לב נשבר כשבא אחר כך לשמחה!".

[צד] ליקוטי מוהר"ן כ"ג, וזל"ש ע"פ ליקוטי עצות 'ממון ופרנסה' אות י"ד: המשוקעים בתאוות ממון שהוא עבודה זרה ממש, הם בעלי חובות תמיד עד שמתים בעלי חובות כנ"ל, וכל ימיהם הם סובלים מרירות ועצבות ודאגות מחמדת הממון. וכל מה שיש לו ממון יותר יש לו דאגות ועצבות ביותר, כי נתקשר יותר להעבודה זרה שהיא עצבות ומרה שחורה, חושך מיתה. והממון שלו אוכלת ימי חייו, כי היא מכלה חייו על ידי טרדות ודאגות של הממון.

[צה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח.

ער איז צובראכן - ער גייט אריין אין עבודת השם; 'אז ער גייט נאר אריין, איז שוין אן עבירה ער זאל האבן עצבות'.

דער שטייגער איז, אז א מענטש גייט אריין אין עבודת השם, פאלט אויף אים א פחד און א מורא - 'תיכף איז שוין אן עבירה'; אז ער גייט נאר אריין אין עבודת השם, איז שוין ביים אנהויב, ווען ער איז נאך נישט אריינגעגאנגען אזוי שטארק, איז שוין אן עבירה אז ער האט עצבות.

❖ ❖ ❖

(ר' חיים שלמה: די מעשה מיט ר' ברוכ'ל, וואס איז געווען די מעשה?) **עפעם א מעשה איז געווען;** ר' ברוך'ל האט זיך אויסגערעדט, פאר ר' ניסן קאוולער, אויף וואס ער האט געטשעפעט דעם רבי'ן - א גאנצע מעשה מיט א זוהר[צו]. ער האט זיך אויסגערעדט אז דער בעל שם הקדוש איז א שטיקל צייט נישט געקומען צו אים. אמאל איז ער געקומען - האט ער אים געזאגט: וואס איז דער זיידע געקומען איצטער? (ענה:) איך האב זיך איבערגעקליבן צו ר' נחמן'ען!

עס שטייט געדרוקט? (אחד הנוכחים: אין חיי מוהר"ן! [צז])

❖ ❖ ❖

## יִדום וישתוק

(מדבר אודות אברכים שיש להם מניעות מבני ביתם בתחילת התקרבותם לרבינו הקדוש!)

איינער האט מיר דערציילט אז ער האט רדיפות פון איר (מאשתו), זי וויל נישט ער זאל זיין א ברסלב'ער. (אמרתי לו:) דו פרעגסט צו דו זאלסט ווערן אוים ברסלב'ער חסיד - וואס פרעגסטו? זאגט ער: 'ניין, נאר וואס זאל איך טאן?'

---

[צו] עי' שיח שרפי קודש ח"ג, אות תקנ"ד.

[צז] מודפס בחיי מוהר"ן צ"ב: אמר המעתיק שמעתי שסיפר הרב רבי ניסן קאווליר, אחד מגדולי המקורבים של הרב הצדיק הקדוש רבי ברוך זצ"ל, לפני המגיד מטירהאוויצע זצ"ל, אשר פעם אחת בא אל הרה"ק רבי ברוך זצ"ל וראה אותו נעצב מאד, ושאל אותו: מה זאת? והשיב לו: שזה כמה זמנים שלא ראה את הבעש"ט זצוק"ל, וכל אימת שבא על קברו אינו מוצא אותו ועתה ראיתי אותו ושאלתי אותו מה זה, והשיב לי, שהוא נמצא אצל רבי נחמן. ואמר בזו הלשון: "ער האט זיך פארקליבן צו ר' נחמן'ען" (הוא בחר עצמו אצל ר' נחמן).

(אמרתי לו:) וואס הייסט 'וואס דו זאלסט טאן?' דו זאלסט נישט רעדן אנטקעגן, דו זאלסט נישט אפענטפערן. זאל זי זעהן אז זי רעדט און דו רעדסט נישט אנטקעגן (צוריק), און דו טוה דיר דיינס (בעבודת השם!) - מקיים זיין: " עיקר התשובה - ידום וישתוק!"[צח] ממילא וועט זיין בעסער!

איך האב אים געזאגט: אז דו ווילסט זיך האלטן, זאלסטו שווייגן; דו זאלסט נישט גיין אנטקעגן, דו זאלסט האבן דרך ארץ פאר'ן טאטן!

❖ ❖ ❖

איינער איז געווען ביי מיר אין שטוב פון בעלגיע - ער איז געווען דארטן ביים ציון, און די גוי'טע (בעלת הדירה שהיתה על יד ציון רבינו) האט אים נישט געלאזט ענדיגן דעם תיקון הכללי. דערווייל האט זי זיך עפעס דארט צעקריגט מיטן נהג (- דרייווע"ר), האט ער דערווייל געענדיגט די צעהן קאפיטלעך תהלים, און נאכדעם האט די גוי'טע אנגעקלונגען, איז געקומען איינער פון די מלוכה, האבן זיי געזאגט: 'דו מעגסט גיין וואו דו ווילסט, נאר 'קבר צדיק נחמן' נישט!'.

אזוי האט מען אים געזאגט: 'וואו דו ווילסט קענסטו גיין, אבער קבר צדיק נחמן נישט!'. פאר נישט לאנג איז ער געווען דא, האט ער מיר דערציילט, אז ער איז געווען ביים רבי'ן אויפן ציון, נישט לאנג, עטליכע מינוט...

(ר' חיים שלמה: עס איז געווארן א גאנצע חבורה דארט אין בעלגיע!) יא יא, עס איז געווארן א 'קול הברה'[צט] אויך; זיי האבן געהאט עפעס א שבועות אין איינעם, עס איז געווען א

---

[צח] עי' בליקוטי הלכות ברכת הפירות ה"ה, אות י"א, ע"פ ליקוטי מוהר"ן סי' ו': ובשביל זה צריכין לסבול בזיונות ושפיכות דמים הרבה קודם שמתקרבין להצדיק האמת. ואפלו אחר שמתקרבין צריכין בכל פעם לסבול שפיכות דמים הרבה מאד והכל הוא לטובה גדולה, כי זה עיקר תשובתו. ועי"ז דייקא הוא זוכה לעמוד על עמדו לבלי להתרחק מהשי"ת ומהצדיק על ידי כל מה שעובר עליו, כי על פי התורה הנ"ל מבואר שהכל בחינה אחת ממש, כי עיקר התשובה הוא על ידי מה ששומע בזיונו ושותק וסובל שפיכת דמים שעל ידי זה נעשה בחינת אדם וכו'. שזהו גם כן בחינת התקרבות להצדיק שהוא בחינת משה שהוא בחינת נקודה העליונה. והתלמיד המתקרב אליו הוא בחינת נקודה התחתונה וכו'. שזה אי אפשר לזכות כי אם על ידי שפיכות דמים ובזיונות הרבה כנ"ל. נמצא, כשסובל בזיונות ושפיכות דמים כדי להתקרב להצדיק זהו עיקר תשובתו.

[צט] עי' ליקוטי מוהר"ן כ"ב, אות ז': "וקול הברה הוא - דע, כי כשנתעורר קול דקדושה, אזי מתעורר ממנו קול דסטרא אחרא, כי על ידי העבירות נבראים מחבלים, והם צועקים: הב לן מזוני! הב לן חיי! וכשאין מתגבר ומתעורר קול דקדושה, הם נחים; אך תיכף שמתעורר קול דקדושה, הם מתעוררים תיכף ומתחילין לצעוק ולקטרג נגדו, וזהו קול ההברה שיוצא מקול הקדושה".

גרויסע התעוררות - געדאווענט אזוי ווי מען דאווענט אין בני ברק, מיט קולות, איז געווארן א קול הברה, האָ האָ!

(אחד הנוכחים: דער ראש הישיבה דארטן איז מקורב געווארן...)

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יחזקאל מנחם מענדלאוויטש** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **שמעלקא גראס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **יושע יעקב שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **יואל יצחק פישער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **נתן האבערפעלד** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת נכדו אצל
חתנו ר' **יואל מיללער**
הי"ו – ירושלים, למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה
**יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה